STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10764

DER 16-TER TSYENISTISHER KONGRES UN DI GESHEENISHN IN PALESTINE

P. Novik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-10764-6

9780657107642T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

פ. נאָוויק

דער 16-טער ציוניסטישער קאָנגרעס און די געשעענישן אין פּאַלעסטינע

צענטראַלפֿאַרלאַג
מאָסקווע—כאַרקאָוו—מינסק
אַלאוקראַינישע אָפּטיילונג

Бібліографічний опис цього видання вміщено в „Літописі Укр. Друку" „Картковому репертуарі" та інших покажчиках Української Книжкової Палати

אוקרהויפּטליט נ. 4529
באַשטעלונג נומ. 1544
טיראַזש 3000 עקז. 2 ב.

מעלוכע־טרעסט
„כאַרפּאָליגראַף"
1־טע דרוקעריי
„קאָמוניסט"
כאַרקאָוו, פּושקינער, 31.

1930.

באַ דער צעבראָכענער קאָרעטע...

צום זעכצנטן ציעניסטישן קאָנגרעס, וועלכער איז פאָרגעקומען אין ציריך, שווייץ, צווישן 28־טן יולי און 11־טן אַווגוסט, האָט פאַלעסטינע פאָרגעשטעלט מיט זיך אזאַ בילד.

1. נאָך צוויי און דרייסיק יאָר עקזיסטענץ פון דער ציעניסטישער באַוועגונג, און נאָך קאַרגע פופציק יאָר זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די באַוועגונג „איינצונעמען“ פאַלעסטינע, אַריינצוקריגן „דאָס לאַנד“ אין „יידישע הענט“, האָבן די ציעניסטן צום 1־טן יולי 1929 געהאַט אין זייער רעשוס בלויז זעקס פראָצענט (6%) פון קולטיווירבארן באָדן אין פאַלעסטינע. דער ראָש פון ציעניסטישן „קערען קאַיעמעס“, מענאַכעם מענדל אוסישקין, וועלכער האָט אין ציריך אופמערקזאַם געמאַכט אף דעם פאַר די ציעניסטן טרויעריקן פאַקט, האָט נאָך צוגעגעבן, אַז ווען מע זאָל אין זינען האָבן „גרויס־פאַלעסטינע“, וועט דער שטעטך ערד, וואָס געפינט זיך אין „יידישע הענט“, לויט זיינע רייד, באַטרעפן ניט מער ווי צוויי פראָצענט (2%).

דער מאַנגל אין ערד, וועלכער האָט זיך שטענדיק געשפירט אין פאַלעסטינע, איז די לעצטע צייט געוואָרן באַזונדערס שאַרף. די ספּעקולאַציע אף באָדן איז געשטיגן אַזוי הויך, אַז די ציעניסטישע אָרגאַניזאַציע איז, לויט אוסישקינס רייד, געצוווּנגען געוועזן צו צאָלן דרייסיק פונט שטערלינג פאַר א דונאם לאַנד*).

---

*) א דונאם איז א צענטל פון א דעסיאַטינע קומט אויס, אַז פאַר א דעסאַטינע האָט מען געצאָלט דריי הונדערט פונט, דאָס הייסט — דריי טויזנט רובל. א קליינע נאָכלע פון — לאָמיר זאָגן — צען דעסיאַטינעס, וואָלט אף אַזאַ אויפן געקאָסט דרייסיק טויזנט רובל — דער באָדן אליין!

פון די אן ערעך צען מיליאָן דונאם לאנד, וואָס געפינט זיך אין פּאַלעסטינע, ליגט אַרום פיר מיליאָן אין די הענט פון עפענדים (פּריצים). דאָס איז קימאַט דער איינציקער ערד־פאָנד, פון וועלכן די ציוניסטן קענען אָפּרייסן וועלכן עס איז שעטעך דורך די ספּעקוליאַטיווע פּרייזן, וואָס זיי צאָלן. אָבער אַף יעדן שטיקל ערד זיינען דאָ אַלערליי פּרעטענדענטן פון צווישן דער מישפּאָכע פון דעם עפענדי גופע, און מען דאַרף קעסיידער לאָדן זיך מיט די דאָזיקע פּרעטענדענטן, באַשיצן זיך פון זיי מיט געווער, צאָלן אָפּטרעט־געלט און אזוי ווייטער. דאָס באַדייט ווידעראמאָל — הויצאָעס.

דאָס סאמע ערגסטע איז אָבער, וואָס אַף דעם לאַנד, וואָס ווערט דורכן עפענדי פאַרקויפט פאַר פעט געלט, זיצן אַראַבישע פעלאכן (פּויערים) און האַלטן דאָסדאָזיקע לאַנד אין אַרענדע. טייל פּויערים זיצן שוין אַף דעם לאַנד זינט דורעס און דורעס. ווען די ציעניסטן קויפן אָפּ אַזעלכע שטרעקעס לאַנד, קומט זיי אויס מיט דער הילף פון זשאַנדאַרמען און פּאָליציי אַראָפּטרייבן די דאָזיקע פּויערים פון זייערע איינגעזעסענע ערטער. אין מעשעך פון די צוויי יאָר, צווישן פופצנטן און זעכצנטן ציעניסטישן קאָנגרעס, זיינען באַ אַזעלכע פאַלן פאָרגעקומען געשלעגן און בלוט־פארגיסונגען.

2. די ארבעטלאָזיקייט אין פּאַלעסטינע, וועלכע איז צום פופצנטן ציעניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל געווען באַזונדערס שאַרף, איז ליקווידירט געוואָרן טיילווייז, אַף אַזעלעכע אויפאנים.

דער אָנגריף אפן אַראַבישן אַרבעטער איז פאַרשטאַרקט געוואָרן. די יידישע קאָלאָניסטן, וועלכע באַשעפטיקן צום מייסטן אַראַבישע אַרבעטער, זיינען צום שטאַרקסטן אָנגעריפן געוואָרן. יידישע אַרבעטער, אופגעהעצט פון די ציעניסטישע פאַשיסטן פון „לינקס", אָדער רעכטס, זיינען באַפאַלן קאָלאָניעס, ווו אראבישע אַרבעטער זיינען געווען באַשעפטיקט. אין געוויסע ערטער, באַזונדערס אַרום דער קאָלאָניע „פעסעך טיקווע", איז געקומען צו בלוטיקע צוזאַמענשטויסן, די קאָלאָניעס האָבן א שטיק צייט געדאַרפט באַשיצט ווערן דורך זשאנדארמעריע.

אין דערזעלביקער צייט האָבן די ציִעניסטן דורך זייער „לינקן" פליגל שטאַרקער אָנגעגריפן אפן אראַבישן אַרבעטער אין שטאָט, דער באַיקאָט אַפן אראבישן אַרבעטער איז נאָך שאַרפער געוואָרן. אָבער דער גרעסטער וואפן אין די הענט פון די פאַשיסטן איז געווען אַראָפּצודריקן די פרייזן פון דעם יידישן אַרבעטער, קעדיי ער זאָל קענען „דערפאָלגרייכער" קאָנקורירן מיטן אַראַבער. די קאָנקורענץ האָט געבראַכט א פארשארפטע עקספלואטאציע סיי פאַר די אראַבער און סיי פאַר די יידן.

זייער א גרויסע ווירקונג אַף פאַרקלענערן די ארבעטלאָזיקייט האָט געהאַט די עמיגראַציע פון פאַלעסטינע. אין מעשעך פון 1927־1928 זיינען קיין פאַלעסטינע אריינגעקומען 2899 אימיגראַנטן און אַרויסגעפאָרן זיינען 7239 פערזאָן (דאָס זיינען די אָפיציעלע ציפערן פון באַריכט — ענגלישע אויסגאַבע — וואָס די עקזעקוטיווע פון דער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט צוגעשטעלט צום ציִעניסטישן קאָנגרעס אין צירין). ניט קיין קליינע ווירקונג האָט אָבער געשפילט דער פאַקט, וואָס א היפשער טייל פון די געוועזענע כאַלוצים, וועלכע האָבן אַוועקגעלייגט זייערע יונגע קויכעס אַף דעם שטיינערנעם, טרוקענעם באָדן פון דעם „הייליקן" לאַנד, זיינען דורך דער שווערער אַרבעט, שלעכטער דערנערונג און לאַנגער אַרבעטלאָזיקייט געוואָרן אינוואַלידן, פארשפילטע מענטשן, וואָס בלאנקען זיך איצט ארום איבער דער „יידישער מעדינע", ווי די שאָטנס. אַזעלעכע אינוואַלידן, וועלכע ווערן אויסגעהאלטן אף קיצווע, זיינען דאָ אין פאַלעסטינע אין די הונדערטער. אָנגערופן ווערן זיי איצט דאָרט מיטן נאָמען „כראָניש־קראנקע". און גראד צו דער צייט פון ציִעניסטישן קאָנגרעס אין ציריך האָט אין תעל־אוויוו אויסגעבראָכן אַ שטרייק פון זעכציק אַזעלכע „כראָניש־קראַנקע", ווען די ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אופגעהערט געבן שטיצע.

א לעכערדיקער זאַך

3. דער לעכערדיקער זאַך, וועלכער איז קעסיידער אָנגעפילט געוואָרן דורך אַן אומויפערלעכן שטראָם פון גאָלד, וואָס האָט זיך אין אים געגאָסן פון די ציִעניסטישע פושקעס אין „פינצטערן" גאָ־

לעס, האָט סאָפּקאָלסאָף אָנגעהויבן ווערן ליידיק, ווייל דער שטראָם האָט זיך אָנגעהויבן אָפּשטעלן. צוליב דעם האָבן אויסגעבראָכן אין פּאַלעסטינע שטרייקן פון „כראניש־קראַנקע", אָדער פון לערער. קריזיסן אין די פאַרשיידענע אינסטיטוציעס איז געוואָרן א געוויינלעכע זאַך. עס זיינען פאַרקירצט געוואָרן די ביודזשעטן, עס האָט זיך צעמאַכט די ציעניסטישע „קונסט"־שול פון טאַבּאַק־פּושקעלעך און עסרויגים־קעסטלעך „בעצאלעל", עס האָט אָנגעהויבן צו ווערן שיטערער אין די פאָנדן פון דעם ציעניסטישן „קעריען האיעסאָד" און „קערען קאַיעמעס".

דער באַריכט, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן צום קאָנגרעס, זאָגט אונדז, אז פון 1921 ביז 1929 האָט דער „קערען האַיעסאָד" אויסגעגעבן אין פּאַלעסטינע נאָענט פון אכצן מיליאָן דאָלאר (אהער גייען ניט אריין די מיליאָנען, וואָס מען האָט אויסגעגעבן אויפצוזאַמלען די געלט). דער „קערען קאיעמעס", ווידער, האָט בלויז אין די לעצטע צוויי יאָר (פון קאָנגרעס צו קאָנגרעס) געזאַמלט פינף און א האַלב מיליאָן דאָלער. ווען מען זאָל צונויפרעכענען אַלע פאָנדן פון דער ציעניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועט אויסקומען, אַז פאַר די לעצטע אַכט יאָר האָט די ציעניסטישע אָרגאַניזאַציע אויסגעגעבן אין פּאַלעסטינע אן ערך פערציק מיליאָן דאָלאר, צוזאַמען מיט די הוצאָעס, וואָס עס האָט געקאָסט צו זאַמלען די אַלע געלטער, וואָלטן די פאָנדן דערגרייכט ביז פינף און פופציק מיליאָן דאָלאַר. דער „דזשאָינט", וועלכער האָט שטענדיק געגעבן פאַר פּאַלעסטינע פיל מער ווי עס איז אויסגעקומען לויט דער פּראָפּאָרציע פון דער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג (פון די 78 מיליאָן דאָלאר, וואָס דער „דזשאָינט" האָט אויסגעגעבן זינט 1915 צדאָקע, און טיילווייזער, האגאם פארהעלטניסמעסיק זייער קליינער, קאָנסטרוקטיווער הילף צווישן אן ערך צען מיליאָן יידן אין אייראָפּע און אזיע, האָט די באַפעלקערונג אין פּאַלעסטינע, וועלכע האָט אין דורכשניט אויסגעמאַכט דניט מער ווי די באַפעלקערונג פון ווילנע, געקראָגן זיבן מיליאָן דאָלאַר), האָט נאָך כוץ דעם געגעבן אנדערהאַלבן מיליאָן דאָלאר פאַר פּאַלעסטינע ספּעציעל פון דעם פופצן מיליאָן דאָ־

לאַר־פֿאָנד, וואָס איז געזאַמלט געוואָרן אונטערן לאָזונג פֿון קאָלאָניזאַציע אין ראַטנפֿאַרבאַנד...

ארום און ארום האַנדלט זיך עס וועגן צענדליקער מיליאָנען דאָלאַרן, וואָס זיינען אריינגעשאָטן געוואָרן אין דעם לעכערדיקן זאַק — פּאַלעסטינע. די נישטיקע רעזולטאַטן, וואָס דאָס אַלץ האָט, ווי מיר האָבן געזען, געבראַכט, האָט זיך סאָפֿקאָלסאָף געמוזט אָפּרופֿן אַף די זאַמלונגען פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער באַריכט פֿון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע ווייזט אַ ירידה אין פֿינאַנצן אַף אַלע געביטן. פֿאַר שקאָלים האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין לעצטן יאָר אַריינגעקראָגן מיט אַן ערך ניין טויזנט פֿונט שטערלינג ווייניקער ווי מיט אַ יאָר פֿריער (14,551 פֿונט, אָנשטאָט 23,478). דער „קערען האַיעסאָד" האָט אין די לעצטע צוויי יאָר אַריינגעקראָגן מיט פֿינף און צוואַנציק פּראָצענט ביי־טראָגן ווייניקער ווי אין די פֿריערדיקע צוויי יאָר (858,078 פֿונט, אָנשטאָט 1,143,850). דערפֿון איז דער לעצטער יאָר פֿון די לעצטע צוויי געווען ערגער פֿאַרן ערשטן. די פֿינאַנסן האָבן גענומען דאַרן אַף דער גאַנצער ליניע. דאָס געפּערלעכסטע אָבער איז געווען, וואָס דער סאַמע קוואַל פֿון ציוניסטישע פֿינאַנצן, אַמעריקע, האָט גענומען טריקענען. האגאם דער אָפּצאָל פֿאַר אַ שעקל אין אַמעריקע איז ניט מער ווי פֿופֿציק סענט אַ יאָר — אַ לעכערלעך קליינע סומע! — פֿונדעסטוועגן איז די האַכנאָסע פֿאַר שקאָלים אין די לעצטע צוויי יאָר געפֿאַלן אַף אַ העלפֿט. פֿאַרן „קערען האַיעסאָד" האָט אַמעריקע פֿאַר די לעצטע צוויי יאָר געגעבן מיט פֿינף און צוואַנציק טויזנט פֿונט שטערלינג (250 טויזנט רובל) ווייניקער ווי אין די פֿאַרגאַנגענע צוויי יאָר. טאָמער איז דאָס ווייניק געווען, האָט נאָך דער „קערען האַיעסאָד" געדאַרפֿט דעקן דעם פֿאַרלוסט פֿון אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר, וואָס די ספּעקולאַטיווע אַמעריקאַנישע לאַנד־אָרגאַניזאַציע „אמעריקן זייאָן קאָמענוועלט" (וועלכע האָט ספּעקולירט מיט לאַנד אין פּאַלעסטינע) האָט צוגעלייגט... דעם האַלבן מיליאָן דאָלאַר האָט מען געמוזט אָפּצאָלן פּריוואַטע מענטשן, כדי צו ראַטעווען דעם פּרעסטיזש פֿון ציוניזם אין אַמעריקע.

רעכטלאָזיקייט, רעדיפּעס, „עקסצעסן"

4. די אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע איז פאַרבאָטן. פאַר כאַלוצים — זאָגט דער ציִעניסטישער באַריכט — האָט די ענגלישע רעגירונג אינ־גאַנצן אָפּגעשטעלט די אימיגראַציע. פאַר יידן אָן שום פּראָפעסיעס, וואָס ווילן אַריינקומען אין דער „יידישער היים", האָט מען איינגע־שטעלט אַ נאָרמע פון 1000 פונט (10.000 רובל), וואָס יעדער איינער פון זיי מוז מיטברענגען מיט זיך. פאַר יידן מיט אינטעליגענטע פּראָפעסיעס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ נאָרמע פון פינף הונדערט פונט. פאַר אַרבעטער — 250 פונט (2.500 רובל).

נאָך פיל שטאַדלאָנעס האָט זיך דער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע איינגעגעבן אַרויסצוקריגן בא דער ענגלישער מאַכט 2400 סערטי־פיקאַטן (דערלויבענישן) פאַר אַזאַ צאָל אימיגראַנטן. פאַר דער טויווע — אַריינצולאָזן יידישע אימיגראַנטן אין דער „יידישער היים" — האָט די ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציע באַצאָלט דער ענגלישער מאַכט צוואַנציק טויזנט פונט (צוויי הונדערט טויזנט רובל). דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין די 2400 סערטיפיקאַטן האָט די ענגלישע מאַכט אויך אין זינען געהאַט יידישע טוריסטן, וואָס קומען אַריין אין לאַנד נאָר אויף אַ ווײַלע...

טאָמער איז דאָס ווייניק, האָט די ענגלישע מאַכט באַשלאָסן, אַז אין דער „יידישער היים" קענען אַריינקומען נאָר אַזעלכע יידישע אימיגראַנטן, וועלכע האָבן דאָס רעכט צו אומקערן זיך צוריק אין דעם לאַנד, פון וואַנעט זיי קומען.

די ענגלישע מאַכט האָט אויך באַשלאָסן, אַז אַ פאָטער, אָדער אַ מוטער פון אַ יידישן איינוווינער אין פּאַלעסטינע קען נאָר דעמאָלט אַריינקומען אין לאַנד, ווען מע לייגט איין פאַר יעדן פון זיי צו 350 פונט (3.500 רובל).

5. דער באַריכט דערציילט, אַז די ענגלישע רעגירונג באַ־שעפטיקט נישט קיין יידישע אַרבעטער און אָנגע־שטעלטע אויף געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן און אין די רעגירונגס־אינסטיטוציעס. אויפן ציִעניסטישן קאָנגרעס האָט דער פּרעזידענט פון

דער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווייצמאַן, געזאָגט, אז עס איז שווער אַפילע צו קומען צו דער ענגלישער מאַכט מיט טײַנעס. די ענגלישע באַאַמטע קענען שטענדיק זאָגן, אַז אויב די יידישע קאָלאָניסטן קענען זיך באַגיין אָן יידישע אַרבעטער, טאָ פארוואָס מוז מען עס דאַפקע אַף געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן זיי אָנשטעלן? זאָל די ציִעניסטישע אָר־גאַניזאַציע זען, אַז אירע קאָלאָניסטן זאָלן מאכן אַן אָנהויב...

6. די ענגלישע מאכט גיט ניט קיין געלט אַף שולן און שפיטאָלן, בעייס שטייערן נעמט זי גאַנץ געשמאַקע. די ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציע מוז פון אירע אייגענע פאָנדן אויסגעבן אַן ערעך אַ האַלב מיליאָן דאָלאר אַ יאָר אַף אויסהאַלטן שולן. אַ זייער גרויסע סומע מוז אויך אויס־געגעבן ווערן אַף אויסהאַלטן שפיטאָלן.

7. דאָס ערגסטע פון אלץ — פון ציִעניסטישן שטאַנדפונקט — זיינען געווען די „עקסצעסן“, וואָס דער ענגלישער גובערנאַטאָר פון ירושאָ־לאַים האָט אין יאָמקיפער 1928 אינסצענירט באַ דער באַרימטער „וואַנט“ (קויסל־מאראָווי). עס איז דערציילט געוואָרן אַפן קאָנגרעס, אַז איינגאַנצן מיט אנדערהאַלבן שאָ פאַרנאַכט איז אין יענעם „היי־ליקן“ טאָג געקומען אַן אָפיצער מיט אינסטרוקציעס פון גובערנאַטאָר פון ירושאָלאַים און אַראָפגעריסן דעם פאָרהאַנג, וואָס האָט צעשיידט די מאנסבילן פון די נאָשים און האָט דערביי געזעען, אַז זיינע פאָ־ליציאַנטן זאָלן באַנוצן זייערע הענט קעגן די דאַוונער באַ דער „היי־ליקער“ וואַנט. די ציִעניסטן האָבן זיך אַ יאָר צייט באַמיט אין לאָנ־דאָן, אַז מע זאָל דעם גובערנאַטאָר באַזייטיקן, אָבער דאָס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן.

אָט אין אַזאַ סיטואציע — נישטיקע רעזולטאַטן אַפן געביט פון קאָ־לאָניזאַציע, מאנגל אין ערד, מוירעדיק ספעקוליאַטיווע פרייזן, בלוטיקע געשלעגן מיט די אַראַבער, טריקעניש אין פינאַנסן, פארקירצונג פון ביודזשעטן, פאַרשלאָסענע טויערן, רעכטלאָזיקייט אַפן געביט פון אַרבעט, רעדיפעס, „עקסצעסן“ — איז זיך אין צוריך, אין דער שווייץ, דעם 28־טן יולי צונויפגעקומען דער זעכצנטער ציִעניסטישער קאָנגרעס.

דער „פּאָנעם" פון קאָנגרעס

דער פּוילש[illegible]יקער באַנקראָט פון ציוניזם, ניט נאָר אין פּאַלעסטינע נאָר (טיילווייז צוליב פּאַלעסטינע) אויך אין „גאָלעס", האָט זיך אָנגעזעען באַלד ווי מען האָט אַ קוק געטאָן אויפן צוזאַמענשטעל פון קאָנגרעס.

דער זעכצנטער קאָנגרעס איז געווען דער ערשטער קאָנגרעס, צו וועלכן עס זיינען פאָרגעקומען „וואַלן" פון דעלעגאַטן ניט נאָר אין פּוילן, פּאַלעסטינע און אנדערע לענדער אויף דער זייט יאַם, נאָר אויך אין אַמעריקע. אָט די וואלן האָבן ארויסגעוויזן די צעפאַלנקייט און צעפּוילטקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

טעג און נעכט פאר דער עפענונג פון קאָנגרעס איז געזעסן דער „קאָנגרעס־געריכט" און האָט אויסגעגלייכט די „וואַל־סיכסוכים" פון די ציוניסטן אין די פארשיידענע לענדער. אָבער ניט געקוקט דערויף, וואָס מען האָט זיך געסמאַרעט ניט אַרויסצוטראָגן די סקאַנדאַלן אין דער עפנטלעכקייט און מען האָט זיך אויסגעגלייכט הינטער געשלאָסענע טירן, האָבן זיך די סקאַנדאַלן אַלע מאָל געלאָזט הערן פון דער טריבונע פון קאָנגרעס. די דעלעגאַטן פון פּוילן, ווו די ציוניסטישע באַוועגונג איז פאַרן קאָנגרעס געווען קימאַט ווי אָפּגעווישט (אַן ערך 5.000 ציוניסטן, צעשפּאַלטן אין א האלב טוץ פראַקציעס), האָבן זיך איינס דאָס אנדערע אופגעוואָרפן אין שווינדלערייען. דער מאָשקע לעאָן רייך האָט אופגעוואָרפן איצכאָק גרינבוימען, אַז יענער האָט געמאַכט שווינדלערייען אין „קאָנגרעס־פּוילן", און גרינבוים האָט אופגעוואָרפן רייכן, אַז ער, רייך, האָט געמאַכט שווינדלערייען אין גאַליציע. די אמעריקאַנישע דעלעגאַטן האָט מען אופגעוואָרפן, אַז זיי

האָבן פאר די וואַלן אופגעקויפט שקאָלים און געטיילט זיי אומזיסט' די באַקאנטע, וועמען מען האָט געבעטן שטימען פאר די און די קאַנדידאַטן (די אמעריקאַנישע ציעניסטן האָבן נאָכגעטאָן די דאָרטיקע קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטיקאַנטן, וועלכע האנדלען מיט שטימען אין דער צייט פון וואַלן). נאָר אף אַזאַ אויפן האָט די אמעריקאַנישע ציעניסטישע אָרגאַניזאַציע — ריכטיקער: אָרגאַניזאַציעס — וועלכע האָבן אַמאָל געהאַט 150.000 מיטגלידער, געקענט אופזאַמלען 30.000 שטימען, וואָס שטעלן מיט זיך ווייניק וואס פאָר.

דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז אַפן קאָנגרעס זיינען געווען דעלעגאַציעס, וואָס האָבן פארטראַטן אַזעלכע לענדער מיט „מעכטיקע" באַוועגונגען, ווי מאראָקאָ, לוקסעמבערג און אורוגוואַי, וועט מען זיך שוין קענען פאָרשטעלן, וואָס פאר אַ נישטיקע הייפעלעך די דריי הונדערט דעלעגאַטן אפן ציעניסטישן קאָנגרעס האָבן פאַרטראַטן.

אָבער וויכטיקער איז דער פּאָנעם פון די דעלעגאַטן גופע.

1. ביטערע סאָנים פון ראַטנפאַרבאנד. אזוי פיל גיפט, און האַס צו דער מאַכט פון די אַרבעטער, ווי דער קאָנגרעס פון די ציעניסטן האָט ארויסגעוויזן, וואָלט מען, אַפּאָנים, געקענט טרעפן נאָר אַף אַ צוזאַמענפאר פון רוסישע מאָנאַרכיסטן. דער ציעניסטישער קאָנגרעס האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין געלעגנהייט ארויסצווייזן זיין סינע צו דער ראַטן-מאַכט. דאָ אַ רעזאָליוציע, דאָ סטאַם אַזוי עפּעס אַן אַטאַקע, דאָ אַ פארלאַנג, אַז מען זאָל אַ בעט טאָן די „רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט" אין לאָנדאָן, זי זאָל אין זינען האָבן די ציעניסטן, בעשאַס זי וועט אונטערהאַנדלען מיט מאסקווע וועגן דיפּלאָמאַטישע פארבינדונגען. און „ראבאי" וויז פון ניו-יאָרק און דער „לינקער„ בילִיקער פּאָליטיקאַנט ארלאזאראוו האָבן דערציילט, אַז זיי זיינען טאַקע געווען באַם סענאַטאָר באָרא אין וואַשינגטאָן, און... גאָרניט. און וויצמאַן האָט געענטפערט די ציון-קאָדאָשים, אַז מען האָט שוין אַלץ פרובירט, און... גאָרניט. „אַז אין מאסקווע זיצט אַ רעגירונג, וואָס פייפט אַף דער גאַנצער וועלט!"

פאַרוואָס אַזוי דער גרימצאָרן? ווייל די ציעניסטישע באַוועגונג איז אין ראַטנפאַרבאַנד פארבאָטן, ווי א קאָנטער-רעוואָליוציאָנערע? ניין,

ניט דאָס אלץ. אָט דערוויסן מיר זיך, צום ביישפּיל, אַ סך: די ציִעניסטישע באַוועגונג איז פאַרבאָטן אין טערקיי. אַזוי דערציילט אונדז דער באריכט אַף זייט 39, און פארנעמט דערמיט אינגאַנצן צוויי שורעס. „עס איז ניט פאָרגעקומען קיין ענדערונג אין טערקיי, וועלכע דערלאָזט ניט קיין אָרגאַניזירטע ציִעניסטישע אַרבעט אין יענעם לאנד". אָט די צוויי פאַרעווע, זייער פאַרעווע שורעס, איז אַלץ, וואָס דער באַריכט האָט געהאַט צו זאָגן, אַף אַ באַהאַלטענעם שטייגער, וועגן ציִעניזם אין טערקיי. אפן קאָנגרעס גופא האָט מען עס ניט דערמאָנט. עס איז זיכער, אַז פיל צייטונגס־מענטשן, און עפשער אויך דעלעגאַטן, וואָס זיינען אָפּגעזעסן די גאַנצע צייט אפן קאָנגרעס, און האָבן ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו גריבלען זיך אין באריכט, ווייסן אפילע ניט וועגן דעם פארבאָט אין טערקיי.

שוין אָפּגערעדט פון רעזאָליוציעס. ווייל די גיפּטיקע און אנטשיידענע מאַניערן — ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער אַרבעטער־מאכט — ווערן גאָר ווייך און האַכנאָעדיק, ווען עס קומט צו אַ בורזשואַזער מאַכט. דאָ האַנדלט זיך דאָך שוין וועגן עפּעס אייגנס!

אין צייריך זיינען געזעסן אַגענטן פון ענגלאנד, פּילסודסקיס מאשקעס, מאָשקעס פון רומענישן „הויף", געוועזענע פאבריקאַנטן און ספּעקוליאַנטן, וואָס זיינען נעבעך איצט פארוואָגלט פון „זייער" רוסלאַנד. אָט דאָס זיינען געווען די וויכטיקסטע סיבעס פאר דעם גרימצאָרן קעגן דער ראַטן־מאַכט (און קעגן די שרעקלעכע יעווסעקעס, פאַרשטייט זיך). די, וואָס זיינען מיט ענגלאנד, הענגען אָפּ פון ענגלאַנדס כעסעד, מוזן זיין סאָנים דער ראַטן־מאכט, סאָנים דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וועלכע איז די גרעסטע געפאר פארן ענגלישן אימפּעריאַליזם. אַלס מאָשקעס פון זייערע אייגענע פאשיסטישע רעגירונגען, אַלס פאָרשטייער פון בורזשואזן קלאס, אלס בורזשויען, וועמען די ראַטן־מאכט האָט „בעדאלעס געשטעלט", האָבן די דעלעגאַטן אָפן ציִעניסטישן קאָנגרעס ניט געקענט נישט אַרויסווייזן סינע דער ראַטן־מאַכט. אַלס פאָרשטייער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, האָבן די „לינקע", די פּויאַלע־ציען, ניט געקענט נישט אַרויסווייזן סינע דער

מאַכט, וואָס ווערט אָנגעפירט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. און די וויסטע פאַנאַטיקער פון מיזראָכי, די יאַרמעלקעס און די שטריימלעך, האָבן לאַכלוטן ניט געקענט בלייבן גלייכגילטיק און נישט אָנפאַלן אַפן ראַטנפאַרבאַנד, ווו פאַנאַטיזם און רעליגיע ווערט אויסגעוואָרצלט.

2. די יאַרמעלקע איז געגאַנגען פאָרויס. קימאַט אַלע פראַקציעס זיינען נאָכגעגאַנגען דער מיזראָכי־פראַקציע, וועלכע איז געווען איינע פון די גרעסטע אפן קאָנגרעס. ניט נאָר האָט מען זיך געהיט אָנצורירן „יידישקייט", נאָר, פארקערט, איינער האָט געזוכט אריבערצושטייגן דעם אנדערן אין געטרייקייט צו „גאָט און זיין טוירע". דער אמאָליקער אַפּיקוירעס, נאָכעם סאָקאָלאָוו, האָט פרייטיק פאַרנאַכט אָנגעוויזן מיטן פינגער ארויף, אַז „דאָרט" זיצט אַ „פּאָרזיצער", וואָס „דערמאָנט" דעם קאָנגרעס, אַז מען דאַרף זיך באַלד פאַנאַנדערגיין לעקאָוועד דעם „הייליקן שאַבעס" (דער עמעס איז, פארשטייט זיך, אַז די קאָמיסיעס האָבן דעמאָלט גענומען אַרבעטן, און די דעלעגאַטן ביכלאַל זיינען ארויסגעפאָרן אַף עקסקורסיעס, באקוקן די שווייץ...). ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די קינדער־שולן אין פאַלעסטינע, האָבן די פאָרשטייער פון דער יאַרמעלקע געשאָטן מיט דונערן און בליצן אַף די קעגנער פון מיטלאַלטערלעכן כיידער, וועלכער ווערט אַלץ שטאַרקער אין דעם „הייליקן לאַנד". ווען עס איז געקומען צום צונויפשטעלן אן עקזעקוטיווע, האָט כאַיעם ווייצמאַן, דער פרעזידענט פון דער ציעניסטישער אָרגאַניזאַציע, געזעען, אַז דער קאָנגרעס זאָל „נעמען צו קענטעניש" אַ רעזאָליוציע „צו שיצן די יידישע רעליגיע אין פאַלעסטינע". די „לינקע", די פארטרעטער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, זיינען, פארשטייט זיך, געגאַנגען אין שפּאַן.

עס איז געזעסן אַף דער רעכטער זייט פון קאָנגרעס־זאַל אַ כאָפּטע יאַרמעלקעס, ראַבאָנימלעך און רעוולעך, גאַבאָים און יעשיווע־באָכרים, העלדן פון „דיבעק", מיט די קאָסטיומען און מאַנירן פון יענע העלדן, טומלדיקע, הייזעריקלעכע, פאָרשטייער פון די פינצטערע שטעטלעך אין פוילן און די קיצווע־לעכער אין יערושאַלאַיִם. אָט דער אָפּשטויסנדיקער אוילעם האָט עס געפירט דעם קאָנגרעס פאַר דער נאָז.

אין די מאָמענטן פון זיין אייגענער צעפאַלונג און צעפוילונג האָט דער ציעניזם פאַרגעסן וועגן זיין קלוימערשטער „מיסיע" צו „באַפרייען" און „ציוויליזירן דאָס יידישע פאָלק", „אויסגלייכן עס דעם רוקן" און אזוי ווייטער. מען האָט אזוי לאַנג געגלייכט דעם רוקן פאַר פלעווען און פאר אַבדול האַמידן און פאר יעדן הענקער און הענקערל — ביז היינטיקן טאָג, — אַז שוין אויסערלעך אַפילע האָט די דאָזיקע „באפרייענדיקע" באוועגונג ארופגעצויגן אַף זיך די אַלטע געטאָ, קעגן וועלכער זי איז קלוימערשט אַרויס קעמפן. אַ באַוועגונג, וואָס איז קלוימערשט געשאַפן געוואָרן, קעדיי „אַרויסצושלעפן די יידן פון דער געטאָ", איז געוואָרן דער אויסדרוק פון דער געטאָ, דער אויסדרוק פון רעאַקציע, קולטורלאָזיקייט, און האָט געשאַפן אין פּאַלעסטינע איינע פון די שרעקלעכסטע געטאָס, דער גייסט פון די ווילנער זאוולקעס פון צענדליקער יאָרן צוריק האָט זיך אין דער געטאָ צעלייגט. און ווען די נאַכט פאַלט צו, מוז מען פארשליסן טיר און טויער, ווי אין דער מיטלאַלטלעכער געטאָ, קעדיי צו שיצן זיך פון דעם צאָרן, וואָס די „אַרבעט" פון די ציעניסטן אין פּאַלעסטינע האָט אָנגעצונדן.

3. קולטורלאָזיקייט איז געווען אַ נאַטירלעכער אויסדרוק פון אַזאַ קאָנגרעס, אָבער די סינע צו יידיש, וואָס דער קאָנגרעס האָט אַרויסגעוויזן, איז באַזונדערס ווערט אונטערצושטרייכן. מען האָט זיך געבראָכן דעם צונג אַף אַלע לעשוינעס, מען האָט גערעדט דעם עקלדיקן קוגל-דייטש, מען האָט זיך אָפּט איינער דעם אַנדערן ניט פאַרשטאַנען, — אַבי נויקעם זיין זיך אָן יידיש. דער גאַנצער מאַכטלאָזער צאָרן פון די ציוינים קעגן די יעווסעקעס האָט זיך אויסגעגאָסן אַף דער יידישער שפּראַך, וועלכע איז אין ראַטנפאַרבאַנד אַזאַ יאַכסנטע.

עס זיינען דאָ געווען גענוג קוריאָזע מאָמענטן. געוויסע פאָרמען פון דעם קוגל-דייטש וואָלטן געווען גוטער מאַטעריאַל פאַר אַ שאָלעם-אַלייכעם. די סינע צו יידיש איז אויך אויסגענוצט געוואָרן אין דעם ביטערן קאַמף, וואס די פארשיידענע פראַקציעס האָבן צווישן זיך געפירט. יעדע פראַקציע האָט געוואָלט, אז איר רעדנער זאָל

וואָס בעסער פאַרשטאַנען ווערן, זאָל קענען אַפּעלירן צו דער גאליאָרקע. האָט דערום יעדע פראַקציע אָפּט געוואָלט, אז א י ר רעדנער זאָל ריידן ייִדיש. „עס איז אַ וויכטיקע פראַגע, רייד ייִדיש", פלעגט מען דעם רעדנער צוּוואַרפן פון זיין פראַקציע. אָבער די קעגנער פון דעם רעדנער פלעגן זיך איינוויקלען אין פרינציפּ און פאָדערן „נאָר ניט ייִדיש", קעדיי דערמיט צו שלאָגן די אַנדערע פראַקציע...

עלנט האָבן אויסגעזען די פּויאַלע ציען, ווען גרינבוים פון וואַרשע האָט זיי אופגעוואָרפן זייער מום אין מישפּאָכע — די עטלעכע ווארשעווער פּויאַלע ציען, וואָס האַלטן, אַז „ייִדיש אויך". אלערליי ציעניסטן קען מען פארשטיין, האָט גרינבוים אויסגערופן, אָבער ניט ציעניסטן-טעריטאָריאַליסטן און ציִעניסטן-ייִדישיסטן!

דער קאָנגרעס האָט געפּאַטשט בראַוואָ און די פּויאַלע ציען האָבן געבויגן די קעפּ פון כאַרפּע.

דאָס טרעטן ייִדיש מיט די פיס האָט פונדעסטוועגן ניט געשטערט יענע שרייבער, וואָס קומען צו דער אַרבעטער-באַוועגונג מיט גאַנצע פּרעטענזיעס, אַלעמאַי מען גיט ניט אָפּ ייִדיש געבוג קאָוועד און אַלעמאַי מען מאַכט ניט ייִדיש פאַרן צענטער פון וועלט-רוים, — זיי זאָלן קומען צו דער קלעריקאַל-קולטורלאַזער מענאַזשעריע מיט האַכנאָע און כניפע. בעראָש פון די קלוימערשטע אַפּאָסטאָלן פון ייִדיש איז געגאַנגען שאָלעם אַש, מיט ביבלישער שירע אַף די ליפּן (זע ווייטער זיין רעדע אַף דער „איידזשענסי"-קאָנפערענץ).

4. די ליבע צום „ס אָ צ י א ל י ז ם" פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס די אַלע עלעמענטן אַף דעם ציעניסטישן קאָנגרעס האָבן אַרויסגעוויזן, איז געווען כאַראַקטעריסטיש. די יארמעלקעס, די פאַבריקאַנטן און ספּעקוליאַנטן, די באַנקירן און די מאָשקעס פון גראַבסקי און פּילסודסקי — אַלע האָבן זיי געדריקט פעסט אין די אָרימס זייערע „לינקע", די פּויאַלע ציען און „היסטאַדרעסניקעס". און אלע האָבן זיי אַזוי וואַרעם אַפּלאָדירט דעם פירער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, לעאָן בלום, ווען יענער האָט זיך באַוויזן אף דער לעצטער זיצונג פון ציעניסטישן קאָנגרעס (די אוואַציעס האָבן זיך שפּעטער איבערגעכאַזערט אף דער „איידזשענסי"-קאָנפערענץ).

צווישן די פירער פון די יאַרמעלקעס, פון דער מיזראַכי־פּראַקציע, האָט אַרויסגעשיינט (אָן אַ יאַרמעלקע) דער סאָציאַל־דעמאָקראַט פון בערלין, באַוואוסטער פון „געגנאָסע" סעוועריגגס אינערן־מיניסטעריום, איינער אַ דאָקטאָר באַרט. דאָס איז דער אייגענער דאָקטאָר באַרט, וואָס האָט געלייענט די מעגילע אָפן „גראַף צעפּעלין" דעם פאַרגאַנגענעם „פּורים". ער האָט אָפן קאָנגרעס אַכטונג געגעבן אַף קאַשרעס און אַף שאַבעס, און איז געווען דער פירער פון די יאַרמעלקעס פון פוילן און יערושאָלאַיִם. ער האָט עס זיי געהאָלפן קעמפן פאַר „יידישקייט"...

אָט אַזוי האָט אויסגעזעען „קאָל יסראָעל" אָפן ציעניסטישן קאָנגרעס. געפעלט האָבן דאָ „בלויז", פאַרשטייט זיך, די האָרעפּאַשנע מאַסן, די יידישע אַרבעטער פון אייראָפּע און אַמעריקע. זיי האָבן צו די שווינדלערשע וואַלן, צו די יאַרמעלקעס, מאָשקעס, באַנקירן, ספּעקולאַנטן, פאַרטרעטער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל קיין שייכעס ניט געהאַט. די קינסטלעכקייט פון דעם גאַנצן צוזאַמענקונפט, די אָפּגעריסנקייט זיינע איז געווען אַזוי שרייענדיק, ווי שרייענדיק עס האָבן אויסגעזעען די רעוולעך פון פוילן אָפן פאָן פון דער שווייצאַרישער לאַנדשאַפט.

„אוי, וואָס פֿון אונדז איז געוואָרן!"

מען האָט געקלאָגט, מען האָט געזאָגט קינעס.

דאָס איז געווען די הויפּט־אַרבעט פֿון די דעלעגאַטן. צוויי וואָכן צייט האָט מען געזאָגט קינעס.

קימאַט יעדער איינער, וואָס האָט גערעדט נאָכן באַריכט פֿון דער עקזעקוטיווע, האָט געקלאָגט. אַפֿילע די, וואָס האָבן פּרובירט פֿאַרטיידיקן די אַדמיניסטראַציע (וויצמאַנען) האָבן צוגעגעבן, אַז עס איז ביטער.

מען האָט געקלאָגט וועגן דעם, וואָס די פֿינאַנצן לאָזן זיך אויס וואָס מען מוז קירצן דעם ביודזשעט, צומאַכן אינסטיטוציעס. אַזאַ זייל פֿון דער ציעניסטישער אַדמיניסטראַציע, דער לאָנדאָנער אַדוואָקאַט סאָקער, וועלכער איז דער דיקטאַטאָר איבער די ציעניסטישע געשעפֿטן אין פּאַלעסטינע, האָט געקלאָגט אף דעם, וואָס בעיס די ציעניסטישע עקזעקוטיווע האָט אָפּגעקויפֿט בא דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע די 2400 אימיגראַנטן־סערטיפֿיקאַטן, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו די ציעניסטן פֿון דער „גאַנצער וועלט", אַז מען זאָל אַריינשיקן אין דער ציעניסטישער קאַסע די צוואַנציק טויזנט פֿונט שטערלינג, וואָס די סערטיפֿיקאַטן האָבן געקאָסט. נאָך אַלע געשרייען האָט מען צונויפֿגעזאַמלט (אָף אַזאַ „הייליקע" זאַך) ניט מער ווי דריי טויזנט פֿונט.

דער פֿירער פֿון די פּויאַלע ציען, קאַפּלאַנסקי, וועלכער האָט אויך געקלאָגט וועגן דעם, וואָס די פֿינאַנסן זיינען אַזוי נידעריק (די ציעניסטישע אָרגאַניזאַציע איז צום קאָנגרעס געקומען מיט אַ סומע כויוועס פֿון 250 טויזנט פֿונט שטערלינג — צוויי און אַ האַלב מיליאָן

רובל), האָט אויך געקלאָגט וועגן דעם, וואָס די ענגלישע רעגירונג באַציט זיך צו די יידן אין פּאַלעסטינע מיט אַן „אומפריינטלעכער נייטראַליטעט“ און זעצט טאָר אַ סיסטעם פון האַלטן די יידישע אַרבעטער ווייט פון עפנטלעכע און רעגירונג־אָרגעטן.

גראָסמאַן, פון זשאַבאָטינסקיס גרופּע, האָט דערקלערט, אַז עס איז שווער פאַר אַ יידן אַריינצוקומען קיין פּאַלעסטינע, ווי עס איז אַמאָל, באַם צאַרישן רעזשים, שווער געווען פאַר אַ יידן אַריינצוקומען קיין מאָסקווע.

עפּעס אַן אָבער־ראַבינער פון אַפריקע האָט געענטפערט די קריטיקער מיט די ווערטער, — וואָס זייט איר בעסער פון אַנדערע? אַזוי פירט זיך ענגלאַנד אין אירע קאָלאָניעס — זאָל זי זיך אין פּאַלעסטינע פירן אַנדערש?

דער פאַרטיידיקער פון דער אַדמיניסטראַציע, דער מאַגיד שמאַריע לעווין, האָט אין זיין קוגל־דייטש דערקלערט: „אונד די שטימונג איזט איינע טראַורינע“. אַן אַנדער פאַרטיידיקער, גיידיטש, האָט דערקלערט, אַז עס הערשט אַ באַלקאָרכע־שטימונג, מען מוז גיין צו די מאַרשאַלס נאָך הילף.

די שטאַרקסטע העספּיידים, די ביטערסטע טרויער־רעדעס זיינען אָבער געקומען פון גרינבוים, זשאַבאָטינסקי, און . . . אוסישקין.

ניין, די שטאַרקסטע קלאָג־רעדע האָט גאָר געהאַלטן — ווייצמאַן „אַליין“.

גרינבוים האָט זיך געקלאָגט אַז מען האָט פאַרגעסן דעם „הערצליזם“. מען האָט „אופגעגעסן“ דעם ציעניזם“, מען איז געוואָרן „כוי־וועווי־ציען“, „קליין ציעניסטן“, און אַז די יידן אין „גאָלעס“ קענען שוין פון ציעניזם גאָרניט קריגן. די וואַלן זיינען פיקציעס, די „אַגענטור“, וואָס מען וויל שאַפן מיט מאַרשאַל און וואַרבורג (און וועלכע איז שפּעטער, נאָכן קאָנגרעס, געשאַפן געוואָרן) איז אַ ווילדע זאַך, שיר ניט אידיאָטיזם!“

— גאָט און די געשיכטע זאָלן אייך מישפּעטן! — האָט גרינבוים פאַרענדיקט זיין דראַמאַטישע, ריכטיקער — טראַגישע רעדע.

אַקטיאָרישער איז געווען דער באַרימטער מויל־העלד און פּאַשיסטן־פירער, זשאַבאָטינסקי.

זשאַבאָטינסקי האָט אָנגעהויבן מיט דעם, אַז מען האָט שוין גאָר פאַרגעסן די באַלפור־דעקלאַראַציע. ציעניסטן אַליין האָבן זי שוין פאַרגעסן. דער פויאַלע־ציען דר. רובין האָט אין זיין רעפעראַט, אין נאָמען פון דער אַדמיניסטראַציע, געזאָגט, אַז די ציעניסטן דאַרפן ווען, אַז אין פאַלעסטינע זאָל „קיינער" ניט הערשן, „ניט די יידן און ניט די אַראַבער", און אַז די יידן זאָלן האָבן די אייגענע דייע, וואָס די אַראַבער, אַלץ איינס ווי גרויס, אָדער קליין די יידישע באַפעלקערונג זאָל ניט זיין. זשאַבאָטינסקי האָט אָבער מיט אַזאַ „גוטסקייט" מיצאַד די פויאַלע ציען און דער ציעניסטישער אַדמיניסטראַציע ניט געוואָלט מאַסקים זיין. האָט דען די באַלפור־דעקלאַראַציע ניט געגעבן פאַלעסטינע דעם „יידישן פאָלק"? און וואָס האָט מען דען ביכלאַל פון פאַלעסטינע געמאַכט? מען האָט עס אַרומגעשניטן, דעם „אייוועור האַיאַרדן" אָפגעטיילט דערפון. אָבער דער יאַרדן — האָט זשאַבאָטינסקי פאַטעטיש אויסגערופן אונטער אן אויסברוך פון אַפלאָדיסמענטן פון גאַנצן קאָנגרעס — „דער יאַרדן איז א טייך, וואָס דאַרף פליסן אין מיטן פאַלעסטינע, ניט באַ דער זייט!"

„ניט פריינטלעכקייט פון ענגלאַנד ווילן מיר, נאָר אַ מעלוכע", האָט דער פאַשיסטישער אָנפירער אויסגעשריען. באַלד האָט ער געמוזט אַראָפלאָזן פון מיסכער און ווינטשן, אַז — וואָלט כאָטש געווען פריינטלעכקייט!

זשאַבאָטינסקי איז אריבער צו דער געשיכטע מיטן „קויסל" (אָדער ווי דאָס האָט געהייסן אַף „קאָנגרעס־דייטש" — „קאָטעל מאַאַראַווי"). וואָס האָט פאַסירט פאַראַיאָרן יאָמקיפער? אַ גאַנצן טאָג האָט מען געדאַוונט באַ דער „וואַנט". עס איז געווען איינגאַנצן אָנדערהאַלבן שאָ צו נאַכט. נאָך אנדערהאַלבן שאָ, און פאַרטיק. אָבער דער גובערנאַטאָר פון יערושאָלאַים, דער שעליעך פון ענגלאַנד, האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן. ער האָט געשיקט זיינע פאָליציאַנטן, מיט די „געהעריקע" אינסטרוקציעס, און זיי האָבן פאַנאַנדערגעפירט די יאָדאַים, און — „עס איז געוואָרן עקסצעסן" באַם „קאָטעל", אום יאָמקיפער!

— כאַמסטווע! — האָט זשאַבאָטינסקי אויסגערופן אַף רוסיש און אי באַלד ווידער איבערגעגאַנגען אַף קוגל־דייטש — אַפילע אין צאַרישן

רוסלאַנד וואָלט דאָך אַזאַ זאַך ניט פּאַסירט! אין דעם הייליקסטן טאָג! באַם הייליקסטן אָרט! כאַמסטוואָ! און וואָס וועט זיין איצטער, דעם קומענדיקן טישעבאָוו און יאָמקיפּער? דער זעלביקער גובערנאַטאָר, וואָס איז שולדיק אין די פּאַראַיאָריקע „עקסצעסן", הערשט איצט נאָך אַלץ אין יערושאָלאַיִם. לאָנדאָן האט אים ניט באַזייטיקט. ווי אַזוי וועט ער האַנדלען אין די קומענדיקע הייליקע טעג?

און זשאַבאָטינסקי האָט געפּאָכעט אין דער לופטן מיט אַ דעפּעשע, וואָס ער האָט באַקומען פון יערושאָלאַיִם, אין וועלכער מען האָט זיך באַקלאָגט, אַז דער ענגלישער גובערנאַטאָר האָט אַרויסגעגעבן „די אַראַבער" אַ דערלויבעניש צו בויען אַ הויז, וואָס וועט פאַרשטעלן דעם צוגאַנג צום „קאָטעל" (אַזעלכע טעלעגראַמעס, גוואַלד־געשרייען האָבן באַקומען אַסאַך דעלעגאַטן. דער קאָנגרעס האָט צוליב דעם געשיקט אַן עקספּרעס־דעלעגאַציע קיין לאָנדאָן, צו מישטאַדל זיין זיך. וואָס דערפון איז אַרויסגעקומען, איז באַקאַנט...).

אָבער נאָך ערגער! ניין, דאָס ערגסטע, האָט זשאַבאָטינסקי ווייטער געקלאָגט. עס איז געקומען צו אַ מאָמענט, ווען די סאַמע „פונדאַמענטאַלע" אַרבעט פון די ציעניסטן, די קאָלאָניזאַציע, ווערט אונטערגעגראָבן.

מען גיט ניט קיין ערד — אַן אַלטע צאָרע. די ענגלישע מאַכט זאָגט, אַז עס וועט נאָך דויערן זיבעצן יאָר, ביז זי וועט אויסמעסטן די לענדערייען אין פּאַלעסטינע, בעיס אין מאַקעדאָניע, וועלכע איז דריי מאָל גרעסער, ווי פּאַלעסטינע, האָט עס די גריכישע רעגירונג געמאַכט אין דריי יאָר. אָבער איצט איז געקומען אַ צייט, ווען אַלטע יידישע קאָלאָניסטן זיינען ניט זיכער מיטן באָדן, אויף וועלכן זיי זיצן שוין צענדליקער יאָרן. באַ דער קאָלאָניע „כעדערא", וועלכע עקזיסטירט שוין אַכט און דרייסיק יאָר, איז דאָ אַ טייל לאַנד, וואָס רופט זיך „אינפּיאט", — אַ טייל פון דער קאָלאָניע. איצט באַשטרייט מען דאָס רעכט פון די קאָלאָניסטן צו דעם שטיק לאַנד. עס זיינען געבליבן אין פּאַלעסטינע די אַלטע באַרבאַרישע טערקישע געזעצן, און די ענגלישע מאַכט האָט נאָך צוגעלייגט עפּעס פון איר זייט. לויט די געזעצן, דאַרפן ניט די, וואָס באַשטרייטן דאָס רעכט אויף דעם באָדן

פון די קאָלאָניסטן, באַווייזן אין געריכט זייער רעכט אף אָט דעם באָדן, נאָר די, וואָס זיצן אף דעם באָדן פון צענדליקער יאָרן, דאַרפן קומען אין געריכט און באַווייזן זייער רעכט. און טאָמער וועט די קאָלאָניסטן פעלן די געהעריקע פאַפירלעך פון אכט און דרייסיק יאָר צוריק, פון דער דעמאָלטיקער טערקישער מאַכט, וועט דער באָדן פון דער אַלטער קאָלאָניע זיין אין געפאַר (זשאַבאָטינסקי האָט פאַרגעסן, אַז אָט אַזוי גענומען דאָך די פריצים צו די ערד באַ די אַראַבישע פויערים און פאַרקויפן זי די ציעניסטן פאַר זייער „קאָלאָניזאַציע”).

— און וווהין זאָלן מיר גיין? — האָט זשאַבאָטינסקי טראַגיש אויסגערופן, — באַ וועמען זאָלן מיר זוכן יוישער? עס איז דען פאַראַן אַ געריכט, אַ מישפּעט? דאָס איז דאָך דאָס ערגסטע, וואָס עס איז ניטאָ אין פאַלעסטינע קיין געריכט און קיין ריכטער, קיין דין און קיין דאַיען! עס איז נוצלאָז! נוצלאָז! נוצלאָז! עס איז ניטאָ ווו צו אַפּעלירן, ווו צו קלאָגן זיך!

זשאַבאָטינסקי האָט נאָך לאַנג געקלאָגט, געפייערט קעגן דער „אַגענטור”, געענדיקט מיטן אַקטיאָרישן אויסרוף „נאָן פּאָסימוס!” (מיר קענען ניט), און — ציעניסטישע ווייבער פון ביידע געשלעכטער האָבן זיך געווישט די אויגן.

אוסישקין רעדט זיך אויס דאָס האַרץ

אַפן ציעניסטישן אוילעם האָט אָבער דעם גרעסטן איינדרוק געמאַכט די קורצע רעדע (אף יידיש!), וואָס דער אַלטער ביסמאַרק פון דער ציעניסטישער באַוועגונג, מענאַכעם מענדל אוסישקין, האָט געהאַלטן

דאָס איז געווען איין גרויסער קרעכץ אף דער ביטערער לאַגע אין פאַלעסטינע, איין שטיק יִיעש און פאַרצווייפלונג.

עס איז געשטאַנען אַף דער טריבונע אַן אויסגעדינטער גענעראַל־גובערנאַטאָר, אַ פאַרלאָרענער, אַ מוטלאָזער, און האָט גערעדט אַזעלכע אומעטיקע אָפּגעהאַקטע ווערטער, און האָט זיי באַגלייט מיט ייִעשדיקע זשעסטן.

אוסישקין האָט זיך אומגעדרייט צו ווייצמאַנען מיט די ווערטער:

— אויב איר קענט ניט זאָגן דעם עמעס וועגן דער לאַגע אין פּאַלעסטינע, טאָ שווייגט בעסער!

וואָס איז די לאַגע אין פּאַלעסטינע, לויט אוסישקינען?

קיין סאַך האָט דער געוועזענער ביסמאַרק פון דער ציעניסטישער באַוועגונג ניט גערעדט. אָבער דאָס ביסל, וואָס ער האָט געזאָגט, און דער אויפן ווי אזוי ער האָט עס געזאָגט, איז געווען גענוג.

... מיר זיינען הילפלאָז ווי די שאָף... די יערידע, צו וועלכער מיר זיינען געקומען... איך האָב געפרעגט אַן ענגלישן באַאַמטן, צי ער וואָלט דערלויבט אזעלכע באַליידיקונגען באַם קריסטוס־קיווער, ווי מיר שטייען אויס באַם קויסל, האָט ער געזאָגט, אז אין פיר און צוואנציק שאָ וואָלט דער איניען געווען דערליידיקט... מיר האָבן ניט קיין קראַפט אין לאַנד... לאָמיר בעסער שווייגן... די ציעניסטישע באַוועגונג אין גאָלעס איז אָן אַ יוגנט...

און אוסישקין האָט איבערגעהאַקט אין מיטן, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און אומגעקערט זיך אף זיין אָרט אין פּרעזידיום.

דער איינדרוק פון אוסישקינס רעדע איז געווען אַ געוואַל־טיקער.

דאָ האָט זיך ווייצמאַן צוגעײַלט און האָט — אין מיטן דער דע־באַטע — גענומען אַ וואָרט. וואָס האָט ער געענטפערט?

... אוסישקין רעדט אן אַנדער שפּראַך, ווי איך. איך קען אַזוי ניט ריידן. עס איז דאָ אַ פּאָליטישע קאָמיסיע, ווו מען זאָגט זאַכן, וואָס מען קען אַפן קאָנגרעס ניט זאָגן. פאַרפאלן, מיר שטייען פאַר אייזערנע טאטזאכן, מע מוז פאַרבייסן די ליפּן און שווייגן.

פאַרשטייט זיך, אז דערדאָזיקער ענטפער האָט נאָך די שטימונג אַפן קאָנגרעס ערגער געמאַכט. „מען מוז פאַרבייסן די ליפן און שווייגן" — אָט דאָס ענטפערט דער פּרעזידענט פון דער ציעניסטישער אָרגאַניזאַציע.

אַזוי האָבן זיך געצויגן די טעג פון ציעניסטישן קאָנגרעס — אין קינעס און קלאָג־רייד. פון די ציעניסטן האָט זיך אָפּגעטאָן די פעי־

קייט צו מאַכן פּאַראַדן, צו שרייען „העידאָד״. אומעטיק האָט זיך געעפֿנט די פּאַראַדנע זיצונג און אומעטיק האָבן זיך די טעג געצויגן.

אַז די געשעפֿטן גייען שלעכט, איז ניטאָ קיין שאָלעם־באַיס. האָבן זיך די פֿראַקציעס ניט אויפֿגעהערט ארומרייסן, און די אדמיניסטראַציע האָט ניט געוווּסט ווי ארויסצוקריכן פֿון דער לאַגע. דער קאָנגרעס האָט זיך געזאָלט שליסן דעם 6־טן אויגוסט. דעם 11־טן האָט זיך געזאָלט עפֿענען די „איידזשענסי״־קאָנפֿערענץ, צו וועלכער ווייצמאַן האָט געמוזט קומען מיט פֿולמאַכטן פֿון קאָנגרעס, אָבער די קעגנער פֿון דער „איידזשענסי״ האָבן געמאַכט אבסטרוקציעס, ניט געוואָלט קיין שידעך מיט די יאהודים, און דעם 10־טן אויגוסט האָט עס נאָך ניט אויסגעזען, אַז עס זאָל האַלטן באַם סאָף. די פֿראַקציעס האָבן זיך ביטער ארומגעריסן וועגן דעם צוזאַמענשטעל פֿון דער נייער עקזעקוטיווע. מען האָט געשטעלט אולטימאַטומס, מען האָט איינער דעם אַנדערן געסטראַשעט.

די ציִעניסטן פֿון „גרויסן״, „הערצלשן״ מאַסשטאַב, האָבן געקעמפּט קעגן דער „איידזשענסי״. אוסישקין האָט געזאָגט, אַז ווען ער האָט געזעען, אַז זיין קאַמף איז פֿארשפּילט, האָט ער געטראַכט: עפּשער איינגאַנצן אוועקגיין פֿון דער ציִעניסטישער באַוועגונג. דער קאָנגרעס האָט געפֿילט, אַז עס איז געקומען דער סאָף צו דער „הערצלשער״ טקופֿע, א סאָף צום קאָנגרעס גופֿע. לויט דעם „איידזשענסי״ אָפּמאַך מיט די אסימילאַטאָרן־פֿילאַנטראָפּן פֿון וואַרבורגס שניט, ווערט דער קאָנגרעס פֿארוואַנדלט נאָר אין א בּאַראַטנדיקע קערפּערשאַפֿט אין ציִעניסטישע געשעפֿטן. די הויפּט־מאַכט וועט האָבן די „אגענטור״, וועלכע וועט באַשטיין פֿון אַ העלפֿט ציִעניסטן און א העלפֿט אסימילאַטאָרן־פֿילאַנטראָפּן. די „ניט־ציִעניסטישע״ העלפֿט — האָבן די „גרויס־ציִעניסטן״ געטיינעט — ווערט פֿון קיינעם ניט אויסגעקליבן, איז צו קיינעם ניט פֿאַראַנטוואָרטלעך. און עס פֿארשטייט זיך, אַז די אַלע פֿילאַנטראָפּן־אסימילאַטאָרן, וועלכע האָבן אַלע זייערע יאָרן געקעמפּט קעגן ציִעניזם און נאַציאָנאַליזם, זיינען ווייט פֿון דער „ציִעניסטישער אידייע״, ווייט פֿון העבּרעיזם, העבּרעישער קולטור, און אפֿילע ווייט

פון דעם „ציל״־יידנשטאאט, יידישער היים. פאַלעסטינע איז באַ זיי א פילאַנטראָפּישע ארבעט, אַ נייע צדקה־פושקע.

אַף די אַלע טיינעס האָבן די מיניסטעריום פון דער אדמיניסטראַציע געהאַט איין ענטפער: מען מוז, עס איז קיין ברירה ניטאָ. מען מוז נעמען די אסימיליאַטאָרן־פילאַנטראָפּן צוהילף.

— האָט איר מיר דען אליין ניט געשיקט נאָך געלט צו זיי? — האָט ווייצמאַן געטייגעט צו די קעגנער. — פּאַלעסטינע איז אַ ספינקס, און דער ספינקס זאָגט: ענטוועדער באַפרוכפּערט מיינע זומפּן און פעלזן, אָדער — איך פרעס דיך אויף.

„אָדער — איך פרעס דיך אויף״...

אָט אַזוי, מיטן בארג סיניי איבער די קעפּ, האָבן די דעלעגאַטן אָנגענומען דעם „איידזשענסי״־אָפּמאַך. דער „היסטאָרישער מאָמענט״ איז אַריבער אין אַ געדריקטער שטימונג. מיט „האַרצרייסנדיקע סצענעס״ מיצאַד גרינבוימס לייט. „ניטאָ מער קיין קאָנגרעס!״, „אויס מיטן טוווערנעם ציעניזם!״ און דאָסגלייכן געוואַלט־געשרייען האָבן זיך געהערט. און באַלד נאָך דעם „היסטאָרישן מאָמענט״ זיינען די פראַקציעס אריבער אין אַן אלגעמיינער דייסעריי איבער פארטרעטערשאפט אין דער „איידזשענסי״ און אין דער עקזעקוטיווע.

דעם 10־טן אווגוסט האָט זיך דער קאָנגרעס אוועקגעזעצט אַף אַ גאַנצער נאכט. די פראַקציעס האָבן צווישן זיך בשום אופן ניט געקענט דורכקומען. און דאָ דאַרף זיך שוין באַלד, דעם 11־טן, עפענען די „איידזשענסי״־קאָנפערענץ. ווייצמאן איז געוואָרן אין כּעס און איז אוועק צו זיך אין האָטעל שלאָפן. דער קאָנגרעס האָט זיך געראַנגלט ביז ניין אַזייגער אין דער פרי, דעם 11־טן אווגוסט. און מיט זעקס שאָ פאר דער עפענונג פון דער קאָנפערענץ האָט ער זיך געשלאָסן אָן א זיי־געזונט, אָן פרעזידענט פון דער אָרגאַניזאציע.

„געענדיקט דער לעצטער ציעניסטישער קאָנגרעס״ — האָבן די גרינבוים־זשאבאָטינסקי־לייט געקלאָגט. זשאבאָטינסקי האָט דערקלערט, אַז זיינע מענטשן וועלן ניט האָבן קיין מאגע־מאַטע מיט דער „איידזשענסי״.

די „איידזשענסי”

לויט דער בארימטער באלפור־דעקלאראציע „דארף” די ציעניסטישע אָרגאַניזאַציע זיין די „אַגענטור” פון „יידישן פאָלק”, מיט וועלכער די ענגלישע אַדמיניסטראַציע אין פאַלעסטינע „דארף” זיך מעיאַשעוו זיין בענעגייע יידישע איניאָנים אין דער „יידישער היים”. אָבער די גאַנצע שווינדלערשע דעקלאַראַציע האָט קעסיידער געארבעט „הארמאָניש”: אַזוי ווי די „יידישע היים” איז אַ בלאָף, אַזוי איז די מייסע מיט דער „אַגענטור” אַ וויך. עס איז ניט געווען אַזאַ זאַך.

האָבן די פירער פון דער ציעניסטישער אָרגאַניזאַציע מיט זעקס יאָר צוריק צוגעטראַכט אַן אנדער איניען. די געשעפטן אין פאַלעסטינע זיינען שוין דעמאָלט ניט געגאַנגען גוט. די פירער האָבן געזעען, אַז אין פאַלעסטינע קומט פאָר „אַ געיעג מיט דער צייט”. די צייט שטייט ניט, ערד ווערט אַלע מאָל וויניקער, די אַראַבישע מערהייט ווערט אַלע מאָל גרעסער. געלט דארף מען אָן אַ שיר, דארף מען צוציען די „יאהודים”, די אסימיליאטאָרן־פילאַנטראָפּן פון מארשאל־ווארבורג שניט (אין אמעריקע). וואָס וועט מען זיי געבן פאר זייער הילף? מען וועט זיי געבן אַ כיילעק אין דער „איידזשענסי” (אגענטור). דערפון וועט עפשער אויך אַרויסקומען אַן אַנדער טויווע: די ענגלישע מאכט וועט פאר די אַמעריקאַנישע באַנקירן מער דערעך־ערעץ האָבן און וועט די „אַגענטור” אנערקענען.

די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך געצויגן זייער לאַנג. צווישן די ציעניסטן האָט דער פלאַן אַרויסגערופן זייער שאַרפע קעגנערשאפט („פרינציפיעל”־ציעניסטישע, פערזענלעכע). די „יאהודים” איז דער פלאַן גראד געפעלן געוואָרן. אריינשטעלן א פוס אין פאלעסטינע לוינט

זיך — סײַ אַלס פילאַנטראָפּן, אַלס רעליגיעזע מענטשן — „אַמעריקע. פון מוישע ראַבײנעס גלויבן“, און סײַ — אַלס אַמעריקאַנישע פּאַטריאָטן. עס לוינט זיך שטעקן מיט א פוס אין פּאַלעסטינע. ניט מער — זיי האָבן געוואָלט אין דער „אַגענטור“ פונקט די אייגענע דייע, וואָס די ציִעניסטן, — גלייך אַף גלייך.

די ציִעניסטן האָבן עס ניט געוואָלט, אָבער די געשעפטן אין פּאַלעסטינע זײַנען אַלץ ערגער, און זיי, די ציִעניסטן, האָבן זיך געמוזט בויגן. דאָ איז אופגעשווומען די פראַגע וועגן אויספאָרשן די לאַגע אין פּאַלעסטינע, די „יאַהודים“ האָבן זיך ניט געוואָלט פאַרלאָזן אַף דער אינפאָרמאַציע פון די ציִעניסטן, האָבן געוואָלט אַליין אַלץ דערגיין, און טאַקע געוואָר ווערן אַף וויפל די באַריכטן פון די ציִעניסטן האָבן א ווערט. דאָס איז ווידער געווען פאַר די ציִעניסטן אַ פּאַטש אין פּאָנים, און ווידער האָבן זיי געמוזט עס אַראָפּשלינגען — צוליב דער לאַגע אין פּאַלעסטינע.

אין יוני 1928 האָבן "לאָרד" מעלטשעט (אַלפרעד מאָנד, פון לאָנדאָן), דר. ל. ק. פרענקעל (ניו-יאָרק), פעליקס מ. וואַרבורג (ניו-יאָרק) און אָסקאַר וואַסערמאַן (בערלין) ארויסגעגעבן זייער באַריכט (געווענדעט צו לואי מאַרשאַל און כאַיִעם ווייצמאַן), אפן סמאַך פון די אויספאָרשונגען פון די עקספּערטן. אין דעם באַריכט האָבן די יאַהודים, אין זייער א דעליקאַטער שפּראַך, געזאָגט אָט וואָס:

פּאַלעסטינע איז, באַ דער לאַגע, וואָס האָט עקזיסטירט באַם סאָף פון דער מילכאָמע, ניט געווען קיין גינסטיק לאַנד פאַר קאָלאָניזאַציע;

די ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט ניט שטענדיק געפירט די אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע אין העסקעם מיט דער עמעסער לאַגע אין לאַנד;

קיין נײַע קאָלאָניעס זאָלן דערווײַלע ניט געגרינדעט ווערן;

עס איז ניט פּראַקטיש צו באַזעצן נײַע קאָלאָניסטן ביז די ענגלישע מאַכט וועט ניט קלענער מאַכן די שטייערן;

ביז איצט האָט מען באַזעצט קאָלאָניסטן צו געדיכט און זיי האָבן ניט געקענט מאַכן קיין לעבן אַף די שטיקלעך ערד, וואָס מען האָט זיי געגעבן;

די פּרייזן אַף לאַנד זיינען שוין געשטיגן זייער הויך;

קאָאָפּעראַציע צווישן די קאָלאָניסטן איז גוט, אָבער זי דאַרף ניט באאיינפלוסט ווערן פון „סאָציאַלע טעאָריעס״;

דער פּריוואַטער אונטערנעמער אין פּאַלעסטינע זאָל קריגן „אַ יושערדיקן רעווועך אַף די קאַפּיטאַלן״;

קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס פון פּראָדוצענטן און קאָנסומענטן, אויך אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון דעם מין, „דאַרפן זיין געגרינדעט אַפן יעסאָד פון געזונטע ביזנעס־פּרינציפּן און ניט אַפן גרונט פון טרוימערישע טעאָריעס״;

דער ביודזשעט פון דער „איידזשענסי״ זאָל זיין מינימום איין מיליאָן פונט שטערלינג יערלעך (צען מיליאָן רובל);

קיין נייע אונטערנעמונגען זאָלן אין פּאַלעסטינע דערווייל ניט געשאַפן ווערן.

אָט דער אָפיציעלער באַריכט האָט צווישן די ציוניסטן קיין גרויס באַגייסטערונג ניט אַרויסגערופן. באַזונדערס זיינען געווען געטראָפן די „לינקע״ פון אַלע מינים, וועלכע פלעגן זיך צאַצקען מיט די קווצעס, מיט זייערע „אינסטיטוציעס״ און מיט זייערע טעאָריעס, אַז די „אַרבעט״ אין פּאַלעסטינע קומט פאָר אַף „סאָציאַליסטישע״ יעסוידעס. און דאָ קומען די נייע באַלעדייעס און קריטיקירן די אַרבעט ביז איצט (האגאם זייער אײדל), און זאָגן בעפּיירעש, אַז מען דאַרף באַוואָרענען „יושערדיקע רעוואָכים״ פאַרן פּריוואַטן קאַפּיטאַליסט, און אַז קאָאָפּעראַטיווע און אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס דאַרפן געגרינדעט ווערן אַפן יעסאָד פון „געזונטע ביזנעס־פּרינציפּן און ניט אַפן גרונט פון טרוימערישע טעאָריעס״. אָבער — ווידער דאָס אייגענע — מען האָט זיך ניט געקענט העלפן. נאָך לאַנגע דיסקוסיעס האָט מען דעם באַריכט און דעם גאַנצן פּלאַן פון דער „פיפטי־פיפטי״ (פופציק־פופציק, העלפט אַף העלפט) „איידזשענסי״ געמוזט אָננעמען.

זעקס יאָר זיינען אַזוי אַוועק אין די אונטערהאַנדלונגען צווישן וויצמאַן און מאַרשאַל, און אין די אויספאָרשונגען. עס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן ביידע צדאָדים אַ קאָנטראַקט (ווו דער אַדוואָקאַט מאַרשאַל האָט אַריינגעשטעלט זייער פיל באַוואָרענישן פאַר די „יאַהור־

דים"), און אַט דעם קאָנטראַקט האָט עס דער איצטיקער זעכצנטער ציוניסטישער קאָנגרעס, נאָך אַזויפיל פיינלעכע דעבאַטן, אָנגענומען. עס איז ענדלעך געעפנט געוואָרן דער וועג פאַר אַ פאַרייניקונג פון „קאָל ישראָעל" אויף אַ ברייטערן מאַסשטאַב.

דער ראָוו, דער „סאָציאַליסט", דער פאַבריקאַנט, דער באַנקיר

דעם 11־טן אַווגוסט, דריי באַטאָג, זעקס שאָ נאָכדעם, ווי דער זעכצנטער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט, נאָך אַ גאַנצער נאַכט זיצן, אויסגעהויכט זיין אָטעם, האָט זיך אין צירייך געעפנט די „אייד־זשענסי־קאָנפערענץ".

אַ העלפט פון די דעלעגאַטן פון דער קאָנפערענץ זיינען באַשטאַנען פון די ציוניסטן, און מיט זיי האָבן מיר זיך שוין באַקענט. די אַנדערע העלפט איז באַשטאַנען פון „דעלעגאַטן", וואָס זיינען געקומען לויטן רוף פון מאַרשאַל און וואַרבורג.

גרויס־קאַפּיטאַליסטן, באַנקירן פון ניו־יאָרק, לאָנדאָן און בערלין, רעפאָרם־ראַבינערס, ראַבאָנים פון דער „אַגודע", מאָשקעס פון רומעניע, פאַר וועלכע דער איצטיקער רעזשים אין רומעניע איז צו ליבעראַל, סטאַם אָלרייטניקעס, וועלכע האָבן זיך צוליב פאַרשיידענע סיבעס ניט געפונען קיין אָרט צווישן די ציוניסטן, און לעאָן בלום פון פראַנקרייך, די געלע „פאָרווערטס"־לייט פון ניו־יאָרק, ביבלישע טיפּן, ווי שאָלעם אַש, און נאָך אַזעלכע.

אין גרונט גענומען איז דאָס געווען דער אייגענער אוילעם, וואָס אויף דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. מיטן אונטערשייד, וואָס די יאַהודים (אויסער די ענגלישע פאַרטרעטער) האָבן זיך מער אָריענטירט אויף מאַרשאַלן און אַמעריקע, ווי אויף ווייצמאַנען און אויף ענגלאַנד. האָבן די נייע עלעמענטן, באַזונדערס די פאָרשטייער פון אַמעריקאַנישן גרויס־קאַפּיטאַל, אויסגעפילט אַ ליידיק אָרט אין „קאָל ישראָעל".

האָט מען געדונגען דעם שענסטן זאַל פון צירייך, אויסגעזעצט אויף דער טריבונע לעאָן בלומען לעבן פעליקס וואַרבורגן, „לאָרד" מעלטשעט לעבן אוסישקינען, אַש און שיפּלאַקאָוון פון פאָרנט, און מאַר־

שאַל און וויצמאַן און הערבערט סעמיועל אין סאַמע צענטער. האָט מען זיך געפֿרייט, געהאַלטן „פֿייערלעכע" רעדעס, געמאַכט לאָרד ראָטשילד פֿאַרן ערן־טאָרזיצער פֿון דער גאַנצער „איידזשענסי", געשריגן „אורא". הערבערט סעמיועל האָט געזאָגט, אַז די „איידזשענסי" **פֿאַראייניקט אַלע יידן מיט ענגלאַנד**. האָט לעאָן בלום גערעדט וועגן זיין „סאָציאַליזם" און זיין יידישקייט. האָט ער פֿייערלעך דערקלערט, אונטער די אַפּלאָדיסמענטן פֿון די באַנקירן, אַז מען דאַרף האָבן אין פּאַלעסטינע די הילף פֿון „מאָדערנעם קאַפּיטאַל". האָט דער כאָכעם, שאָלעם אַש (וועלכער האָט גערעדט אַפֿן אָרט פֿון ביאַליקן, וואָס איז ניט געקומען קיין צירין), געבראָכט מיט טענער פֿון דער ביבל און מיט פּסוקים פֿון סידער, און האָט דערקלערט, אַז — פֿון איין זייט שטייען די מאַסן, וואָס לעכצן נאָך ערד, און פֿון דער אַנדערער זייט שטייט „דאָס וויסטע לאַנד, וואָס שפּרייט אויס די הענט"...

אַש האָט דערקלערט, אַז ער פֿאַרטרעט די „אָרעמקייט פֿון פּוילן". עס פֿאַרשטייט זיך, אַז קיינער האָט אים ניט באַפֿולמעכטיקט — פּונקט ווי קיינער, אויסער די מאַרשאַלס און די וויצמאַנס, האָט ניט באַפֿולמעכטיקט די אַנדערע „דעלעגאַטן".

צוויי ראַבאָנים האָבן געזאָגט טפֿילעס און געבענטשט דעם אוילעם. „איין גאָט און איין פֿאָלק", האָבן זיי פּראָקלאַמירט, און מאַרשאַל, וועלכער איז געווען דער „פּרעזידענט" (גאַבע, בעלאַז) פֿון דעם רייכסטן רעפֿאָרם־„טעמפּל" אין ניו־יאָרק, אַ ייד אין די זיבעציקער (מאַרשאַל איז באַלד נאָך דער „איידזשענסי"־קאָנפֿערענץ געשטאָרבן אין צירין פֿון אַן אָפּעראַציע), האָט אויפֿגעכאַפּט דעם לאָזונג: איין פֿאָלק און איין גאָט.

מאַרשאַל האָט גערעדט וועגן „איין גאָט און איין פֿאָלק", לאָרד מעלטשעט האָט גערעדט וועגן „גרויסן גאָט". די ראַבאָנים האָבן געטאָן זייערס, אַש האָט גערעדט, ווי דער שטייגער איז, וועגן „קידעש האַשעם". עס האָט געשמאַדעט מיט יידישקייט און געטלעכקייט.

זיינען אָבער אַריבער די ערשטע האָניק־שאָען און עס האָט ווידער גענומען אַרויסטאַרטשען דער הויקער — די פֿאַקטן וועגן פּאַלעסטינע האָבן זיך געלאָזט פֿילן.

אָף דער צווייטער זיצונג פון דער קאָנפערענץ, דעם 12־טן אויגוסט, האָט מען שוין געהערט אַנדערע ווערטער.

אָנגעהויבן האָט ווייצמאַן אַליין.

...די ייִדן קריגן ניט קיין ערד... די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מוז אויסגעבן אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר א יאר אַף אויסהאַלטן די שולן, בעיס דאָס איז אַן אופגאַבע פון דער רעגירונג... מיט די שפּיטאָלן אויך דאָס אייגענע... ביז איצט האָט זיך די מאַכט אין פּאַלעסטינע ניט גערעכנט מיט דער „אַגענטור"... עס איז ניטאָ קיין לאנד... מען מוז קויפן וואָס שנעלער און וואָס מער... יידישע קאָלאָניסטן באַשעפטיקן אַראַבישע אַרבעטער, טאָ ווי אַזוי קען מען האָבן טיינעס צו דער ענגלישער מאַכט, אַז זי זאָל באַשעפטיקן יידישע אַרבעטער?.. פּאַלעסטינע איז קליין... עס איז ניט די שולד פון די ציעניסטן, וואָס עס פעלט דאָרט וואַסער און וואָס עס זיינען דאָ אַזוי פיל בערג... באַזעצן אַ פאמיליע קאָסט צווישן זעקס און זיבן הונדערט פונט שטערלינג*), כוץ דעם פּרייז, וואָס מען מוז צאָלן פאַרן באָדן, און כוץ די קאָסטן דעם באָדן צוצוגרייטן... דער רעכענונג פון דער איידזשענסי איז צו באַזעצן טויזנט (איין טויזנט) פאַמיליעס אַ יאָר... פּאַלעסטינע איז אָבער גליקלעך דערמיט, וואָס זי איז א בריק צווישן עטלעכע קאָנטינענטן. דורך פּאַלעסטינע וועט מען ציען נאַפט־רערן.. עס קען זיך אַנטוויקלען געשעפט.

וועגן דעם „גליק" — שפּעטער. אָבער אַרום און אַרום האָט ווייצמאַן ניט געהאט צו דערציילן פון קיין גליקן. אויך די נאָענטע צוקונפט איז ניט געמאָלן געוועזן אין ראָזעווע פארבן.

„ביזנעס"

נאָך ווייצמאנען איז געקומען דער ניו־יאָרקער „ביזנעסמאַן", דר. ל. ק. פרענקעל, און האָט טאַקע גערעדט „ביזנעס"!

---

*) פון זעקס ביז זיבן טויזנט רובל. וויפיל עס קאסט דער באָדן אין פּאלעסטינע, האָב מיר שוין געזעען אויבן.

פאַלעסטינע איז קליין? נאָר ווי! אינגאַנצן פאַרמאָגט דאָס לאַנד אַכט טויזנט ענגלישע קוואַדראַט מייל — אַרום זעקס און אַ האַלב מיליאָן אקער לאַנד. דערפון איז בלויז דרייפערטל קולטיווירבאַר פאַר קאָלאָניזאַציע. אַ העלפט פון אָט די דריי פערטל געפינט זיך אין טאָלן, ווו עס פעלט וואַסער.

די באַפעלקערונג? אַרום הונדערט און פופציק טויזנט יידן, הונדערט טויזנט קריסטן און זעקס הונדערט טויזנט אַראַבער. די אַראבער מערן זיך שנעלער ווי די יידן, אפילע ווען מען זאָל אַריינרעכענען די יידישע אימיגראַציע (ס׳הייסט, ווען אן אימיגראַציע וואָלט פאָרגעקומען. — פ. נ.). מען דארף קויפן ערד, שנעל קויפן. אָבער ווו וועט מען נעמען געלט, בעיס דער ביודזשעט פון דער „איידזשענסי״ איז אויסגערעכנט אף פינף מיליאָן דאָלאַר א יאָר, דאָס הייסט — ניט ווייניקער, ווי דער ביודזשעט, וואָס די ציעניסטן האָבן ביז איצט אַליין געהאט!

האָט מיסטער פרענקעל באלד דערציילט, אַז מען וועט גרינדן אַן אַקציען-געזעלשאַפט, וועלכע וועט קויפן ערד. דערביי האָט ער איבערגעגעבן, אז ווארבורג און מעלטשעט האָבן זיך פארשריבן יעדערער צו אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר אַקציעס (ניט קיין באַשטייערונגען, נאר אַקציעס).

באַלד איז געקומען דער בערלינער באַנקיר, אָסקאר וואַסערמאַן, און האָט גערעדט וועגן דעם, אַז קאַפּיטאַל דארף ניט געצאַמט ווערן. נאָך אים האָט ווארבורג צוגעגעבן, אַז זאַכן וועלן געטאָן ווערן „אָן היסטעריע״, דורך אַ קליינעם אַפּאַראַט, דורך אַ קאָרפּאָראציע פון אַקציאָנערן.

ביזנעס! — דאָס האָט זיך אויסגעלאָזט פון „הערצליזם״, „אכאדאָמיזם״, און אלע אנדערע ציעניסטישע „איזמען״. א קאָרפּאָראַציע פון אַקציאָנערן נעמט איבער דעם באַנקראטירטן געשעפט.

די קאָנפערענץ פון דער איידזשענסי האָט זיך געענדיקט דעם 14-טן, און דעם 16-טן איז שוין אין פאַלעסטינע געוואָרן אומרויק וואָס עס וואָלט געווען, ווען די אומרוען הויבן זיך ניט אָן. אף וויפל די „איידזשענסי״ וואָלט בעעמעס געקאָנט פאַרבעסערן די געשעפטן

פון ציעניזם אין פאַלעסטינע, איז ניט שווער צו טרעפן. די ענגלישע מאַכט לאַכט זיך אויס פון די ציעניסטן און פון דער גאַנצער „יִדישער היים", ניט כאָלילע, ווייל די ציעניסטן האָבן ניט ווער עס זאָל זיך פאַר זיי אָנעמען אין לאָנדאָן. ניין, זיי האָבן שוין געגוג מעליצים פאַר זיך. דער אָפיציעלער באַריכט פון דער עקזעקוטיווע פון דער ציעניסטישער אָרגאַניזאַציע צום זעכצעטן קאָנגרעס פאַרמאָגט אף דער 21־טער זייט א בריוו, וואָס א ריי הויכגעשטעלטע רעגירונגס־מענטשן און פאָליטיקער אין לאָנדאָן האָבן געשריבן צום ציעניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל. דער בריוו, וועלכער דריקט אויס די „ערגסטע סימפאַטיעס" פאַר דער „יִדישער היים", איז אונטערגעשריבן פון באַלפור, לאָיד דזשאָרדזש, מאַקדאָנאַלד, סנאָודען, און אַנדערע. דאָס הייסט־פאָרשטייער פון אַלע סאָרטן אימפּעריאַליסטן אין ענגלאַנד. איז קלאָר, אַז מארשאַל, אָדער וואַרבורג, וועלן ניט קענען זיין קיין בעסערע „פּראָטעקציע" פאַר די ציעניסטן, ווי מאַקדאָנאַלד אַליין איז. דאָ איז אָבער קיין פראַגע ניט וועגן פּראָטעקציע. די ענגלישע רעגירונג מוז האַנדלען אין פאַלעסטינע אַזוי ווי זי האַנדלט, ווייל אזוי דיקטירט דער ענגלישער אימפּעריאַליזם, ווייל עס איז געפערלעך צופיל איינצורייסן זיך מיט די אַראַבער. אָט די סיבעס וועט קיין שום „אייד־זשענסי" ניט קענען באַזייטיקן.

די „איידזשענסי" וועט זיכער קענען שאַפן געלט. אָבער, ערשטנס, וועט דאָך דורכדעם פאָרט קיין לאַנד ניט ווערן. פאַלעסטינע וועט פאַרבלייבן אַ קליין לאַנד מיט אַן אַראַבישער באַפעלקערונג, וועלכע מערט זיך קעסיידער. און, צווייטנס, געלט האָבן די ציעניסטן אויך ביז איצט געשאַפן (ניט ווייניקער ווי דער גאַנצער, בעשוטפעסדיקער, ביודזשעט פון דער „איידזשענסי" וועט זיין). איצט אָבער, מיט דער „איידזשענסי" וואָלט פאַר די ציעניסטן געווען שווערער צו שאַפן געלט. דער באַלעבעסל אין אַמעריקע, וועלכער דאַרף נאָר אַ טערעך אף ניט געבן, וואָלט געזאָגט: זאָל די „איידזשענסי" געבן, זאָלן וואַרבורג און מעלטשעט געבן.

די הויפט־זאַך איז אָבער, וואָס די „איידזשענסי", אָדער ווער עס זאָל ניט זיין, וואָלט זיך געמוזט אָנשטויסן אָן אַזעלכע שטרויכל־

שטיינער, ווי די אינטערעסן פון ענגלישן אימפּעריאַליזם, דער מאַנגל אין ערד, די פּראָבלעם פון דער אראַבישער מערהייט. זיינען אָבער געקומען די געשעענישן און דאָס בילד האָט זיך נאָך שאַרפער געענדערט — צום אומגליק פון דער גאַנצער אוואַנטיורע מיט דער „היים“.

די „איידזשענסי“ האָט אָן סאָפּעק געשפּילט א ראָל אין די געשעענישן. ענגלאַנד האָט געוואָלט אַ קלאַפּ טאָן די ציוניסטן איבער זייערע געשטייגערטע אַפּעטיטן, וועלכע זיינען געקומען אלס רעזולטאַט פון דער „איידזשענסי“. די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן, ווען זיי האָבן דערהערט, אַז די „אַמעריקאַנער מיליאָנערן“ קומען די ציוניסטן צוהילף, האָבן זיי זיך אויך אָנגעהויבן באַוועגן. אָבער קעדיי ווי געהעריק אָפּצושאַצן די געשעענישן אין פּאַלעסטינע, מוז מען אַ קוק טאָן אַף דער גאַנצער סכעמע פון ענגלישן אימפּעריאַליזם אַפן אַראַבישן האַלב־אינדזל און אַף די קאָנטיגענטן, מיט וועלכע ער גרענעצט זיך, און מען מוז א קוק טאָן אַף די רעזולטאַטן פון דער ארבעט פון די ציוניסטן אין פּאַלעסטינע גופא.

פּאַלעסטינע — אין געוועב פון ענגלישן אימפּעריאַליזם

פּאַלעסטינע איז א קליין פּינטעלע צווישן די לענדער אַפן אַראַ־ בישן האַלב־אינדזל און אַרום אים. פּאַלעסטינע פאַרמאָגט אַ שעטעך פון אַן ערעך אַכט טויזנט ענגלישע קוואַדראַט מייל*), בעיס אַראַ־ ביע פאַרמאָגט א שעטעך פון אַ מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזנט ענגל. קוו. מ., איראַק (מעסאָפּאָטאמיע) — 143 טויזנט ענגל. קוו. מ., און אזוי ווייטער. אָבער די וויכטיקייט פון דעם נישטיק־קליינעם לאַנד, פּאַלעסטינע, אפן שאַך־ברעט פון ענגלישן אימפּעריאַליזם, נעמט זיך פון דער סטראַטעגישער פּאָזיציע, אַף וועלכער פּאַלעסטינע געפינט זיך, ריכטיקער — פון דער פּאָזיציע פון דעם אַראַבישן האַלב־אינדזל בי־ כלאַל.

דער אראַבישער האַלב־אינדזל האָט דעם אומגליק צו גרעניצן זיך: אַף מיירעוו — מיטן מיטלענדישן יאַם, אף מיזרעך — מיט דאָרעם־ פּערסיע, אַף דאָרעם — מיט אינדיע, אַף דאָרעם־מיירעוו — מיט עגיפּטן און דעם סועץ־קאַנאַל. דער אראַבישער האַלב־אינדזל האָט נאָך דער־ צו דעם אומגליק, וואָס ער פאַרמאָגט נאַפט (מאָסול, אין איראַק) און וואָס דעם נאַפט „דאַרף“ מען ארויספירן דורכן מיטלענדישן יאַם. דאָס הייסט — איבער טראַנסיאָרדאַניע און פּאַלעסטינע. אָט דעריבער איז דער האַלב־אינדזל פאַרוואַנדלט געוואָרן דורך ענגלאַנד און פראַנ־

---

*) דאָס קליינע ליטע פאַרמאָגט העכער צוואַנציק טויזנט ענגלישע קוו. מייל. פּאַלעס־ טינע פאַרמאָגט אַזוי אַרום ווייניקער ווי אַ העלפט, פּערציק פּראָצענט, פון דעם שעטעך, וואָס ליטע האָט.

קרייך אין א געוועם (זע די קאַרטע פֿון אַראַבישן האַלב־אינדזל צום סאָף ביכל).

צוליב די סיבעס איז דער אַראַבישער האַלב־אינדזל איינגעטיילט געוואָרן אין זעקס און צוואנציק „מעלוכעלעך", מיט וועלכע ענגלאַנד און פראנקרייך שפּילן זיך אַרום ווי מיט פּילקעס. צוליב די סיבעס האָט ענגלאַנד גענומען פֿאַר זיך דעם מאַנדאַט איבער פּאַלעסטינע, און אויך דעם מאַנדאַט איבער טראנסיאָרדאניא (אייווער האיארדן) און איראַק. וואָס פאר א טירוצים ענגלאַנד האָט געגעבן, וואָס פאר א דעקלאַראציעס זי האָט געמאַכט, וואָס פֿאַר א „היימען" זי האָט צוגעזאָגט, ווען זי האָט זיך גענומען די מאַנדאַטן איבער טראנסיאָרדאניא און איראַק איז ניט וויכטיק, פּונקט ווי עס איז ניט וויכטיק די באלפור־דעקלאראציע און די „יידישע היים". וויכטיק איז צו געדענקען — וואָס מען לאָזט אַרויס פון אויג — אַז ענגלאַנד האָט דעם מאַנדאַט ניט אַף פּאַלעסטינע אליין, נאָר אַף דריי שכייניש טעריטאָריעס, וואָס זי האָט אומישנע צעשפּאַלטן, און אַז איין טעריטאָריע אָן דער אַנדערער איז פֿאַר ענגלאַנד ניט גענוג. פּאַלעסטינע ליגט באַם יאם, איראַק ליגט אַפן הויפּט־לאַנד; איראַק האָט נאפט, פּאַלעסטינע איז די בריק, איבער וועלכער מען דאַרף דעם נאפט פירן. אין מיטלענדישן יאם ליגן די ענגלישע יאם־פעסטונגען און באַזעס פון קריגס־שיפן, ליגט דער גיבראלטאר, ליגט מאלטא, און דער נאפט איז דאָ באַזונדערס נויטיק.

וויטער. באַ די גרעניצן פון אראַביע ליגט „דער שענסטער בריליאנט אין דער ענגלישער קרוין", ווי די ענגלישע אימפעריאליסטן רופן אָן אינדיע, און ענגלאַנד מוז האָבן א „זיכערע ספערע" אַרום אָט דעם בריליאַנט. מוז זי ווידער אָנהאַלטן איר מעמשאָלע אין אַראַביע, אַף אזא אויפן געווינט זי נאָך וואָס — א נעענטערן וועג קיין אינדיע.

וויטער. ענגלאַנד פלאַנעוועט, צוליב אָט דעם נעענטערן וועג, א טראנס־אַראַבישע באַן, פון כייפע, אפן ברעג פון מיטלענדישן יאם, ביז באסרע, באַם פּערסישן איינגוס. מיט דער באַן האָט נאָך ענגלאַד א היפּש ביסל קאָמפּליקאציעס, אָבער קלאָר איז, אַז אָן פאַ־

לעסטינע אין אירע הענט (און טאַקע פּעטש אין אירע הענט!) וואָ
זיך ענגלאַנד פון דעם זיסן כאָלעם געמוזט אָפּזאָגן. דאַרף מען זעז
אַז פאלעסטינע זאָל טאַקע זיין פעסט, דאָס הייסט — פעסט מיליט
ריזירט.

ווייטער. אַף דאָרעם־מיַירעוו פון פאַלעסטינע, ווי געזאָגט, לי
דער קאַנאַל, דורך וועלכן עס פליסט דאָס לעבנס־בלוט פון די
ענגלישער אימפּעריע, דער סועץ־קאַנאַל. אַפילע ווען אלץ וואָלט גי
גאַנגען קעשורע, וואָלט איך נויטיק געווען פאַרן ענגלישן אימפּער
אליזם אָנצוהאַלטן זיין מעמשאָלע אין פאַלעסטינע. ביפראט ווען
לעצטע צייט האָט אַף דעם שאַך־ברעט פון דער ענגלישער אימפּערי
פּאַסירט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט ארויסגעשטעלט פאַלעסטינע, ווי ז
אַבסאלוטע לעבנס־נויטווענדיקייט פאַרן איינפלוס איבערן סועי
קאַנאַל.

אין עגיפּטן איז דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם געוואָרן ענג. דע
ענגלישער דיקטאַטאָר, לאָרד לאָיד, האָט דאָרט געהערשט מיט א
אייזערנער האַנט. ער האָט פאנאנדערגעלאָזט דעם פאַרלאַמענט, דער
שטיקט די נאַציאָנאַל־רעפּאָרמיסטישע פאַרטיי „וואפד" פארטריבן ז
אין אונטערגרונט, געשאַפן די בלוטיקע פאַשיסטישע דיקטאַטור פו
מאכמוד־פּאשא, וועלכער איז ענגלאנדס א ווערקצייג. דער רעזולטא
פון דער דיקטאַטור איז אָבער געווען — א מוירעדיקע אומצופרידנקיי
פון די מאַסן און א מעכטיקע באַוועגונג קעגן ענגלאַנד. אָט דאָ איז ד
ענגלישע „אַרבעטער"־רעגירונג געווען קליגער ווי פריער און זי האָ
געמאַכט א שיינעם זשעסט, וועלכער איז געוואלטיק באַגריסט גע
וואָרן פון די זיילן פון צווייטן אינטערנאַציאָנאל אין אַלע לענדער
און וועלכער באַדייט אָבער אין דער ווירקלעכקייט זייער ווייני
הענדערסאָן, דער אויסערן מיניסטער פון דער „אַרבעטער"־רעגירונג
האָט צוריקגערופן לאָרד לאָידן און האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט .
מאכמוד פּאשא, וועמען לאָיד האָט געמאַכט פאַרן דיקטאַטאָר! מי
דעם אָפּמאַך דארף מען עס פרובירן די מאַסן אין עגיפּטן פאַרבלענד
די אויגן. ענגלאַנד ציט אָפּ איר מיליטער פון עגיפּטן, אָבער באו
סועץ־קאַנאַל, טאַקע אף דער עגיפּטישער טעריטאָריע, דאַרף פאַר

בלייבן ענגליש מיליטער, און די עגיפּטישע רעגירונג דאַרף דאָס מיליטער באַזאָרגן מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. ענגלישע פּאָליצײ דאַרף נאָך „דערוויילע" בלייבן אין עגיפּטן אַף פינף יאָר. עגיפּטישע אָפיצערן מוזן זיך לערנען אין ענגלאַנד. אין עגיפּטן בלייבן די מיליטערישע, יורידישע און פינאַנציעלע „ראטגעבער„ פון ענגלאַנד, מיט איין וואָרט — דורך א גאַנצער רײ פּונקטן, וועלכע געפינען זיך מײסטנס אין צוגאָב־דעקלאַראַציעס, ניט אין „אָפּמאַך" גופא (קעדײ דער אָפּמאַך זאָל בלענדן די אויגן און קעדײ די פירער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל זאָלן קענען שרייען „אורא") בלייבט דער ענגלישער אימפּעריאַליזם אין עגיפּטן גאַנץ פעסט. ניט אומזיסט האָבן טשעמבערלען און טשערטשיל דעם „אָפּמאַך" געשטיצט מיטן אייגענעם ענטוזיאַזם, וואָס וואַנדערוועלדע און אָטאָ באַוער... אָבער אַן אָנלערנונג איז דער „אָפּמאַך„ געווען פאַר ענגלאַנד. שטאַרק זיכער איז שוין ניט דער ענגלישער אימפּעריאַליזם אין עגיפּטן. אויב אַזוי — דאַרף מען אים פאַרזיכערן נאָך פעסטער אַף דער אַנדערער זייט פון סועץ־קאַנאַל, אין פּאַלעסטינע.

די מיטלען דערצו?

דער אימפּעריאַליזם האָט איין וועג — דעם אַלטן און איינציקן וועג: צעטייל און הערש.

א פאַרייניקטע, זעלבשטענדיקע אַראַביע, אַפילע אונטער בורזשואַזער הערשאַפט, וואָלט ניט געווען קיין שטיצפּונקט פאַר ענגלאַנד. פּונקט ווי ענגלאַנד האָט ניט געקענט פאַרטראָגן א מער אָדער ווייניקער אומאָפּהענגיקע אַפגאַניסטאַן אַף די גרעניצן פון אינדיע, אַזוי קען זי ניט פאַרטראָגן דעם געדאַנק פון אַן אומאָפּהענגיקער אַראַביע בײַ אָט די גרעניצן. און וואָס איז שײַעך דעם נאַפט אין מאָסול, האָט דער אַמעריקאַנישער אימפּעריאַליזם גרויסע פּרעטענזיעס אַף אים. צוליב די פּרעטענזיעס איז שוין ענגלאַנד געצוווּנגען געווען צו מאַכן א צוריקטריט. די קוואַלן אין מאָסול זיינען איינגעטיילט געוואָרן צווישן פיר קאַפּיטאַליסטישע קאָמפּאַניעס: אַן ענגלישע, אַ האַלב־ענגלישע, אַן אַמעריקאַנישע, א פראַנצויזישע. ווער ווייס צי אַן — אַזוי צו זאָגן — אומאָפּהענגיקע אַראַביע וואָלט זיך איינגאַנצן ניט גענויגט אַף דער

זייט פון וואַשינגטאָן און וואָל־סטריט (דער פינאַנץ־צענטער אין ניו־יאָרק). פאר ענגלאַנד איז פון אַלע שטאַנדפונקטן גלייכער, אז די געגנט, וווּ די נאפט־קוואַלן געפינען זיך, זאָל זיין אין אירע הענט, און אז אין אירע הענט זאָל זיך אויך געפינען די בריק, וווּ די נאפט־רערן דאַרפן געלייגט ווערן — פאלעסטינע.

ווי זשע אַזוי פארמיידט מען אַן אַראַבישע הערשאַפט? צעטייל און הערש!

פראַנקרייך האָט געקראָגן איר „ספערע פון הערשאַפט", פארשיידענע קיניגן און קיניגלעך האָבן געקראָגן זייער „ספערע", אונטערן „שוץ" פון ענגלאַנד. פאר זיך אַליין, אונטערן שילד פון מאַנדאַטן, האָט ענגלאַנד געלאָזן איראק, טראַנסיארדאַניאַ, און — פאַלעסטינע.

אין זעקס און צוואַנציק טיילן איז דער אַראַבישער האַלב־אינזל איינגעטיילט געוואָרן. איין טייל ווערט געהעצט קעגן דעם אַנדערן, איין קיניג קעגן אַנדערן, בלוט גיסט זיך אַפן אַראַבישן האַלב־אינדזל קימאַט שטענדיק — דאָ אונטער פראַנצויזישער הערשאַפט, דאָ אונטער ענגלישער הערשאַפט (סיריע, מעסאָפּאָטאמיע, טראנסיאָרדאַניע). אין פאַלעסטינע גופא איז די איצטיקע בלוט־באָד די דריטע — זינט ענגלאַנד האָט דאָס לאַנד גענומען אונטער איר „שוץ". ענגלאַנד דאַרף די בלוט־פארגיסונגען. באַזונדערס האָט זי געדאַרפט די איצטיקע בלוט־פאַרגיסונג, — קעדיי צו באַפעסטיקן זיך מיליטעריש אין פאַלעסטינע, קעדיי אָפּצוּווענדן די באַוועגונג צווישן די אַראַבער אף פאַלשע וועגן, און אויך קעדיי אַ קלאַפּ צו געבן די ציעניסטן גופא, די מעשאָרסים אירע, וועלכע האָבן מיט דער גרינדונג פון דער „איידזשענסי", אָנגעהויבן העכערן דעם טאָן און נעמען דעם איניען „יידישע היים" ערנסט.

פאַלעסטינע, דער „מאַנדאַט", די „יידישע היים", זיינען ניט קיין אָפּגעזונדערטע זאַכן, נאָר ביינדלעך אפן שאך־ברעט פון ענגלישן אימפעריאַליזם, טיילן פון אימפעריאַליסטישן שפינען־געוועב.

די שולד פון ציוניזם אין די בלוטיקע געשעענישן

אָט אין דעם אימפּעריאַליסטישן געוועב איז דער ציוניזם געקומען ווי אַ באַהעלפער.

דער ציוניזם האָט פון ענגלישן אימפּעריאַליזם אַראָפּגענומען די קאָפּ־דרייעניש, ווי איינצוהאַלטן פּאַלעסטינע, ווי צו פאַרסאַמען דאָרטן די לופט. סײַ פּאָליטיש און סײַ עקאָנאָמיש האָט דער ציוניזם געשאַפן אין פּאַלעסטינע גענוג מאַטעריאַל אַף צעטיילן די באַפעלקערונג, אַף איינפלאַנצן ראַסן־סינע. און דאָס האָט דער ענגלישער אימפּעריאַליזם באַדאַרפט.

די שולד פון ציוניזם אין די בלוטיקע געשעענישן אין פּאַלעסטינע איז קלאָר שוין דערפון, וואָס דער ציוניזם, די „יידישע היים“ איז א טייל פון דער גאַנצער אימפּעריאַליסטישער נעץ, אַ מיטל, אַן אויסרייד, צו האַלטן פּאַלעסטינע אונטערן ענגלישן קנאַפּל, צוזאַמען מיט אנדערע אונטערדריקטע לענדער. אָבער דער ציוניזם איז דאָך אין פּאַלעסטינע קיין נעבעכל ניט. דער ציוניזם איז אַן אַקטיווער פאָר־פּאָסטן פון ענגלישן אימפּעריאַליזם, אַן אקטיווער אריינדרינגער. און אין די געשעענישן גופא האָט דער ציוניזם, דורכן פאַשיסטישן „בריט טרומפּלדאָר“, באַזונדערס געשפּילט אַ ראָל.

עס איז איינע פון די בלוטיקסטע מאַנעווערס פון ציוניזם, וואָס ער מאַכט דעם אָנשטעל, ווי אין פּאַלעסטינע וואָלטן גאר קיין איינוווינער ניט געווען. אַפן קאָנגרעס אין ציריך האָט מען אין משך פון צוויי וואָכן צייט די אַראַבישע פראַגע קימאַט ווי ניט דערמאָנט.

אָבער אין עמעטן פארנע מט זיך דאָדער ציעניזם גאַנץ שטארק מיט די אַראַבער.

די ציעניסטן אַרבעטן מייַסים, אַז ענגלאַנד זאָל ניט „באוויליקן" קיין פאַרלאַמענט אין פאַלעסטינע, ווייל אין אַזאַ פאַרלאַמענט וואָלטן דאָך די אַראַבער, אַפילע בא די גרעסטע „דעמאָקראַטישע" שווינדלערייען, געמוזט האָבן אַ מערהייט. דאָס לוינט זיך ניט די ציעניסטן.

אַפן קאָנגרעס אין צירי̈ך האָט „אַפילע" דער פאָרשטייער פון די פויאַלע ציען, דר. רופין, דערקלערט, אַז די ייִדן און אַראַבער מוזן אין פאַלעסטינע האָבן די זעלביקע פאָליטישע רעכט — אַלץ איינס ווי גרויס די ייִדישע באַפעלקערונג זאָל ניט זיין. אַפן פאָשעטן לאָשן באַדייט עס, אַז „קיינער" זאָל ניט האָבן די פאָליטישע דייע אין לאַנד. אָבער אַזוי ווי עמעצער מוז דאָך הערשן, וועט דער עמעצער זיין — ענגלאַנד.

דער ענגלישער מאַכט געפעלט, פארשטייט זיך, דער פארלאַנג פון די ציעניסטן, אָדער פון די פארטרעטער פון צווייטן אינטערנאציאָנאַל, זייער שטאַרק. די ציעניסטן פירן דאָ מיט דער הילף פון ענגלישן אימפעריאַליזם, וועמען זיי דינען אַ רויב־פאָליטיק, אַ פאָליטיק פון באַרויבן די גרויסע מערהייט איינוווינער אין פאַלעסטינע פון זייערע פאָליטישע רעכט. קיין פריינטשאַפט קען אַזאַ פאָליטיק אין פאַלעסטינע ניט שאַפן. אָבער דאָס איז דאָך ניט דער איינציקער געביט פון ציעניסטישער רויב־פאָליטיק!

די קאָלאָניזיר־אַרבעט פון ציעניזם אין פאלעסטינע קאָן דאָך ניט אָנגערופן ווערן אַנדערש ווי רויב־קאָלאָניזאַציע!

קיין פרייע ערד איז אין פאַלעסטינע ניטאָ. אוסישקין, דער הויפט פון ציעניסטישן „קערען קאַיעמעס" אין פאַלעסטינע, האָט דאָך אין צירי̈ך ניט אופגעהערט צו האַמערן אף דער „פראַגע דעם באָדענס", ווי דאָס האָט געהייסן אָפן באַרימטן „קאָנגרעס־דייטש". ער האָט זיך געקלאָגט, אַז עס קו... אויס צו צאָלן דרייסיק פונט (דריי הונדערט רובל) פאר אַ דונאַם (אַ דונאַם איז אַ צענטל פון אַ דעסיאַטינע, הייסט עס — דריי טויזנט רובל פאַר אַ דעסיאַטינע). און שוין אָט די וווכער־פרייזן אַליין זיינען אַ גוטער באַווייז, וואָס פאַר אַ

מאַנגל אין ערד עס הערשט אין פּאַלעסטינע און אף וואָס פאַר אַ רויבעריש־ספּעקוליאַטיוון אויפן די ציעניסטן פלעגן ערד באַקומען.

פון די אן ערעך צען מיליאָן דונאם ערד (איין מיליאָן דעסיאַטינעס), וואָס פּאַלעסטינע פאַרמאָגט, געהערן אַרום פיר מיליאָן צו די עפענדיס (פריצים). אָט די ערד ווערט באַאַרבעט פון אָרימע פעלאכן (אַראַבישע פויערים), וועלכע צאָלן דעם עפענדי פאַר דער אַרענדע. אָבער אָט די ערדן זיינען די איינציקע פאָנדז, וואָס די ציעניסטן קענען קריגן פאַר זייערע ספּעקוליאַטיווע פּרייזן. מען קויפט אָפּ באַם פאָריך ערד און מען טרייבט פון דאָרטן אַראָפּ די פעלאכן, וואָס זיינען אף די ערד־פאָנדן געזעסן זינט דורעס. עס איז ניט איין מאָל געקומען צו געשלעגן, אָדער ערנסטע צוזאמענשטויסן, ווען די פעלאכן זיינען אראָפּגעטריבן געוואָרן. וואָס פאַר אַ שטימונג קען זיך שאַפן באַ די אַראַבישע פויערים אַלס רעזולטאַט פון אַזאַ רויב־קאָלאָניזאַציע?

אין דער צייט פון דעם איצטיקן אופשטאַנד זיינען אַפילע אין שטעט, ווו קיין יידן זיינען ניטאָ, פאָרגעקומען פאַרזאמלונגען פון אַראַבער אונטערן לאָזונג „לאָמיר גיין אָפּנעמען די ערד”. דאָ האָט זיך ניט געקענט האַנדלען וועגן אַ פּאָגראָם, עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ערד. די „פראַגע דעס באדנס” איז אָן סאָפעק אַ ברענענדיקע: זי האָט געהאָלפן אָנצינדן דעם פייער.

אָבער די עקאָנאָמישע טעטיקייט פון די ציעניסטן באגרעניצט זיך ניט מיט די באדן־ספּעקוליאַציעס און מיט אראָפּטרייבן פויערים פון זייער ערד. אויך בענויגייע די אַראַבישע אַרבעטער האָבן די ציעניסטן, דאָס הייסט — זייער „סאָציאַליסטישער” פליגל, געטאָן אלץ, קעדיי צו באַרויבן און דערצארענען דעם אַראַבער. די געלע פראָפּפאַריינען פון „אַכדעס האָאַווידאָ” פלעגן ניט אריינעמען קיין אַראַבישע אַרבעטער אַלס מיטגלידער, און ווילן אויך איצט קיין אַראַבישע ארבעטער ניט אריינעמען. די געלע פראָפּפאריינען, דער „היסאַכדעס”, באשטייען דערויף, אַז אַראַבישע אַרבעטער זאָלן ניט אָנגעשטעלט ווערן, אָדער זאָלן קריגן קלענערע סכירעס, ווי יידישע אַרבעטער. דער גאַנצער לאָזונג פון „קיבעש האָאַווידאָ” (איינעמען די אַר־

בעט) איז ניט ווייניקער רויבעריש ווי די „קאָלאָניזאַציע“, ניט ווייניקער אויסגערעכנט קעגן די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די אַראַבישע פאָלקס־מאַסן.

דער ציעניזם איז אין פאַלעסטינע אַן **ארײנדרינגער**, אן ארײנדרינגער אין אַ קליין באַזעצט לאַנד, אן ארײנדרינגער אף פאַרנומענע פּאָזיציעס *). און דאָס פירט אים דירעקט צום פאַשיזם פון זשאַבאָטינסקיס שניט. דער פאשיזם איז דער לאָגישסטער אויסדרוק פון אַזאַ באַוועגונג ווי דער ציעניזם, אָדער איינס און דאָס זעלביקע. פארכאפן מיט געוואַלט, מיט דער הילף פון פאשיסטישע מיטלען איז דער לאָגישער רעזולטאַט פון אַ באַוועגונג, וואָס וויל דורך אַ נישטיקער מינדערהייט, מיט דער הילף פון אימפּעריאַליסטישער אונטערדריקונג, „איינעמען“ אַ לאַנד. און אין די בלוטיקע געשעענישן אין פאַלעסטינע האָבן די ציעניסטישע פאַשיסטן געשפּילט זייער דירעקטע ראָל.

עס איז אינטערעסאַנט, אז באַלד אין די ערשטע צוזאמענשטויסן אין פאַלעסטינע איז פארוואונדעט געוואָרן דער קאָרעספּאָנדענט פון דער רעאַקציאָנערער „פאָסישער צייטונג“ אין בערלין, פאָן־וויזל. אָט דער „פאָן“ איז אַ טיפּ מיט אַ פארגאַנגנהייט. ער האָט אין 1919 י. געהאַט א שייכעס צו דעם מאָנארכיסטישן קאפּ־„פוטש“ אין דייטשלאַנד. איצט איז דער אַוואַנטיורוסט אַ „לייטנדיקער גייסט“ בא זשאַבאָטינסקין, אַ קעמפער פאר יידישקייט; און — אַ קאָדעש בא יידן...

די דעמאָנסטראַציע פון „בריט טרומפּלדאָר“ פאר דער „וואַנט“ איז געווען אַ צוגעגרייטע, אן אויסגערעכנטע. לויט זשאבאָטינסקיס שיטע — צו באַהערשן דעם אראַבער מיט געוואַלט, צו אָפּנעמען די ערד מיט געוואַלט, מיטאמאָל (ווייל וויטער פּאָרזעצן די „קאָלאָניזאַציע“, ווי ביז איצט, איז דאָך, פון שטאנדפּונקט „יידישע היים“, זינלאָז). אָט די פאַשיסטישע פּראָוואָקאַציע האָט עס געגעבן די שאָוויניסטישע

---

*) אף וויפל פאלעסטינע איז באזעצט, קען ווידער דינען ליטע ווי אַ ביישפּיל. ליטע, מיט א שעטעך פון צוואנציק טויזנט קוו. מייל, פארמאָגט צוויי מיליאָן איינוווינער, פּאַלעסטינע — מיט אַ שעטעך פון אַכט הונדערט קוו. מיל, פּארמאָגט 850 טויזנט איינוווינער, — דאָס הייסט, די אייגענע פּראָפּאָרציע, אומגעפער, ווי ליטע. און ליטע פארמאָגט נאָך ניט קיין וויסטענישן, און האָט ניט קיין מאַנגל אין וואַסער...

עמענטן צווישן די אַראַבער גופא (און אויך די ענגלישע פּראָוואָ־
טערן) א מעגלעכקייט צו פּרובירן אַוועקפירן די אומצופרידנקייט פון
אַראַבישע מאַסן אַפן וועג פון ראַסן־קאַמף. עמעס, די שאָוויניסטן
ביידע צדאָדים האָבן זיך גענארט אין כעשבן, פּונקט ווי די ענג־
שע אַדמיניסטראַציע האָט זיך גענארט. אָבער זיין ראָל אין די גע־
זעענישן, זיין דירעקטע ראָל, האָט דער ציעניסטישער פאַשיזם געשפּילט.
ן וועון די געשעענישן האָבן זיך אַנטוויקלט, ווען די אַראַבישע
שמענדלער האָבן גענומען אַנטוואָפענען ענגלישע סאלדאַטן, אָנפאַלן
ענגלישע רעגירונגס־געביידעס, האָבן זיך די ציעניסטישע פאשיסטן
שטעלט אין איין ריי מיט מאַקדאָנאַלדס מיליטער — צו דערטרינקען
ם אַראַבישן אופשטאַנד אין בלוט.

ענגלישע אימפּעריאַליסטישע פּראָוואָקאַציעס

די ענגלישע אימפּעריאַליסטישע פּראָוואָקאַציעס אין פּאַלעסטינע
בן זיך אייגנטלעך אָנגעהויבן נאָך איידער באַלפור האָט ארויסגע־
בן זיין דעקלאַראַציע. עס איז באוווסט, אז ענגלאַנד האָט צו־
אָגט פּאַלעסטינע סײַ די אַראַבער און סײַ די ציעניסטן. אין 1916
זט מען צוגעזאָגט פּאַלעסטינע דעם „קיניג" הוסיין, צוגעזאָגט אים
יינצוגעמען פּאלעסטינע אין נעץ פון אַראַבישע מעלוכעלעך. פאַר־
טייט זיך, אַז דער ענגלישער אימפּעריאַליזם האָט זיך מיט אַזעלכע
זאָגן ניט גערעכנט, און, ווען דאָס איז אים נויטיק געווען, האָט ער
וגעזאָגט דאָס „צוגעזאָגטע" לאַנד אויך די ציעניסטן.

אָט די צוויי גנייווישע צוזאָגן זיינען לעכאַטכילע געווען אויסגע־
יעכנט מיטן צוועק צו זייען האַס און בלוט־פאַרגיסונג — קעדיי ענג־
לאַנד זאָל בלייבן די הערשערן. קעגן די אַראַבער האָט ענגלאַנד
ארויסגעשטעלט די „יידישע היים", וועלכע מען האָט „הייליק" צוגע־
זאָגט. קעגן דער „יידישער היים" האָט ענגלאַנד (די „מוטער פון די
מאַכמעדאַנישע פעלקער"!) ארויסגעשטעלט די אינטערעסן פון די אַראַ־
בער. און ביז איצט האָט ענגלאַנד געפירט איר פּאָליטיק אַזוי (און
ווייטער וועט עס מיסטאמע אויך אַזוי זיין): אין לאָנדאָן און זשע־
נעווע איז די יאַכסנטע געווען די „יידישע היים", דאָרט האָט מען

דעם ציעניזם געשוואָרן טרייהייט — קעדיי צו געבן אים א שטופּ אין די ציין אין פּאַלעסטינע.

עס איז דאָ א מיינונג, אז די ענגלישע אַדמיניסטראַציע אין פּאַלעסטינע האַלט זיך גראד אָן דעם צוזאָג, וואס מען האָט געמאַכט הוסיינען... די זאך איז אָבער פיל איינפאַכער. זייענדיק ארומגערינגלט מיט אַ יאַם פון צענדליקער מיליאָנען אַראַבער, שטייענדיק שטענדיק פאר דער געפאַר פון אַראַבישע אופשטאַנדן, מוז לאָנדאָן באַוווסטזיניק, דורך דער רעאַלער פּאָליטיק אין פּאַלעסטינע, אויסלאַכן זיך פון דער „יִדישער היים", דריקן און שטיצן די ציעניסטישע מעשאָרסים אין פּאַלעסטינע ניט ווייניקער ווי די אַראַבער, אָפט נאָך מער ווי די אַראַבער, קעדיי די אַראַבישע מאַסן צו בארויִקן. אָט דאָס איז די לאָגיק פון אימפּעריאַליסטישער הערשאַפט. אָט דערפאר האָבן עס די דעלעגאַטן פון פּאַלעסטינע אַזוי געקלאָגט אַפן ציעניסטישן קאָנגרעס. אָט דאָס איז דער סכאַר, וואָס מעשאָרטים באַקומען.

אין די בלוטיקע געשעענישן, וואָס זיינען צווישן 23־טן און 30־טן אַווגוסט פאָרגעקומען אין פּאַלעסטינע, האָט דער ענגלישער אימפּעריאַליזם דירעקט אויסגענוצט יענעם צוזאָג, וואָס מען האָט די אַראַבער געמאַכט אין 1916 יאָר. דאָ האָט דער ענגלישער אימפּעריאַליזם געשניטן די פרוכט פון לאַנגיאָריקע העצעס, לאַנגיאָריקן האַס, לאַנגיאָריקע קריוודעס, געשניטן די פרוכט פון דער „אַרבעט" פון די ציעניסטן אין פּאַלעסטינע — אַפן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן געביט.

די וואָס האָבן געוווסט וואָס פאר אַ דירעקטע ראָל ענגלאַנד האָט געשפּילט אין די בלוטיקע געשעענישן אין פּאַלעסטינע אין די יאָרן 1920־1921 (און די ציעניסטן זיינען אָפן מודה, אז די הענט פון ענגלישע אַגענטן האָבן די געשעענישן געגרייט און אָנגעפירט), זיינען ניט איבערראַשט געווען אין די ערשטע טעג פון איצטיקע געשעענישן צו לייענען באריכטן אין דער פּרעסע (אַפילע אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע פון אייראָפּע און אַמעריקע), אז די ענגלישע מאַכט אין פּאַלעסטינע האָט אויך איצט געשפּילט די זעלביקע בלוטיקע ראָל. עס איז דערציילט געוואָרן (באַזונדערס אין די דייטשע צייטונגען).

שע אגענטן אין פּאַלעסטינע האָבן באוואָפנט „געוויסע עלע־
ישן די אַראַבער, וועלכע האָבן זיך „פּלוצלינג”, צום „נוי־
י”, צו אַלעמענס „איבעראַשונג”, באוויזן מיט געווער אין

שער אימפּעריאַליזם האָט געגרייט אַ פּאָגראָם, און „עלע־
אַזעלכע צוועקן געפינען זיך שטענדיק, בא יעדער הער־
ינטערדריקונג. די שטימונג אין פּאַלעסטינע איז געווען
יניסטן מיט זייער אַרבעט, די זשאַבאָטינסקיס מיט זייע־
עס, די אַראַבישע שאָוויניסטן מיט זייער אַגיטאַציע,
פאַרבינדונג מיט דער „איידזשענסי”, — די ענגלישע
יעטראָפן פאַר זיך אין פּאַלעסטינע אַ גוטן באָדן.

די בלוטיקע וואָך

און די „וואַנט", דער „קויסל מאַאַראָווי", איז געווען וואָס האָט אופגעריסן די פּאַס פּולווער, וואָס פּאַלעסטינע זיך פאָרגעשטעלט.

עס איז שווער פאָרצושטעלן זיך, אַז עס געפינט זיך עס איז מער־ווייניק פּאָליטיש־פאַרשטענדיקער מענג ניט זעען, אַז די „וואַנט" איז נאָר אַ מיטל פאר אַ „... צענדליקער יאָרן, אונטער דער הערשאַפט פון טערקישע סולטאַ... אַפילע, האָבן יידישע פאַנאַטיקער געטאָן בא דער וואנט, וואס זיי האָבן געוואָלט, און קיינער האָט זיי ניט געשטערט. עס זיינען ניט געווען קיין „עקסצעסן", די „וואנט" איז ניט קעסיידער געשטאַנען אפן טאָג־אָרדענונג. די „וואנט" איז אָבער געוואָרן אַ שטענדיקע פּראבלעם איצט, ווען די ארטיקע מאכט דאַרף דאָס האָבן. און דערפאר ווער אויך דידאָזיקע „פּראבלעם" ניט געלייזט.

די „וואַנט" איז אַ צו גוט מיטל אף אָנצינדן די געמיטער פון שאָוויניסטן און פאַנאַטיקער פוןביידע צדאָדים. פון איין זייט „ווא... קלייבן זיך שטענדיק צונויף יידישע פאַנאַטיקער, פון דער אַנדע זייט „וואַנט", ווו עס געפינט זיך דער מעטשעט אָמאר (וועלכער באַ די רעליגיעזע אראבער אויך איינער פון די „הייליקסטע" ער קלייבן זיך צונויף אַראַבישע פאַנאַטיקער. און אַ ליאַדע שטיינד אַ יינגל קען דאָ דינען פאר אַן אָנהויב „עקסצעסן".

ביפראַט ווען די ענגלישע מאכט טוט די אַרבעט פון וואַרפ... נער אַליין, גאַנץ אָפן. אַזוי האָט זי אום יאמקיפּער 1928 ז... צו עקסצעסן, וועגן וועלכע זשאַבאָטינסקי האָט אַזוי געקלאָג...

ציעניסטישן קאָנגרעס. אַזוי האָט דערזעלביקער ענגלישער גובערנאַטאָר פון ירושלים, וועלכער איז שולדיק געווען אין די „עקצעסן" פון יאָמקיפּער 1928, אַרויסגעגעבן פאַר טישעבאָוו 1929 די דערלויבעניש צו בויען אַן אַראַבישן הויז פאַרן „קויסל", ווען וואָס דער ציעניסטישער קאָנגרעס האָט אַזש געשיקט אַ דעלעגאַציע קיין לאָנדאָן (און עס איז זיכער, אַז צווישן די אַראַבער, אין פאַלעסטינע, האָט זיך אויך געררודערט וועגן דעם איניען). די „וואַנט" איז אַ גליק פאַר דער ענגלישער מאַכט אין פאַלעסטינע. קיין בעסער מיטל אַף העצן די פאַנאַטיקער און שאָוויניסטן פון ביידע צדדים האָט זי זיך גאָרנישט געקענט ווינטשן.

און דעם 16 - טן אַווגוסט, פונקט אַף מאָרגן, נאָכדעם ווי די ציעניסטן און יאַהודים — אַסימיליאַטאָרן - באַנקירן האָבן אין צירוך געגרינדעט די „איידזשענסי", האָט זיך עס בא דער „וואַנט" אָנגעהויבן . . .

דעם 16 - טן האָבן זיך אַרום „קויסל" אָנגעהויבן צוזאַמענשטויסן, בעיס וועלכע עס איז געהאַרגעט געוואָרן אַ ציעניסטישער יוגנטלעכער. די ציעניסטישע פאַשיסטן האָבן דעמאָלט אָרגאַניזירט — מיט דער דערלויבעניש פון דער מאַכט — אַ דעמאָנסטראַציע צום „קויסל", וועלכע איז קלאָגעדיק דורכגעפאַלן (אין דער „דעמאָנסטראַציע" האָבן זיך באַטייליקט אַ 150 מאן), אָבער וועלכע האָט דער ענגלישער מאַכט געגעבן אַן אויסרייד פאַר דערלויבן אַן אַראַבישע דעמאנסטראַציע (וועלכע איז, אַגעוו, געווען זייער אַ גרויסע). די אַראַבישע דעמאָנסטראַציע איז באַגלייט געוואָרן מיט „עקסצעסן" בא דער וואַנט. די ענגלישע מאכט האָט זיך וועגן אָפּהיטן די אָרדענונג נישט זייער שטאַרק געקימערט. פאַרקערט, די לעוואַציע פון דעם ציעניסטישן יוגנטלעכן, וועלכע די ציעניסטישע פאשיסטן האָבן געוואָלט אויסנוצן פאַר אַ נייער דעמאָנסטראַציע, איז ברוטאַל באַפאַלן געוואָרן פון דער ירושלאַימער פאָליצײ און א ריי דעמאָנסטראַנטן זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. דאָס איז געווען אַ סיגנאַל אַז מען מעג זיך נעמען צו דער „אַרבעט". און דעם 23 - טן האָט זיך עס אָנגעהויבן.

פרייטיק, דעם 23 - טן אווגוסט, ווען די רעליגיעזע אראבער האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין פון מעטשעט און אַנדערע קלויסטערס, זיינען די

יידישע קוואַרטאַלן אין יערושאָלאַים באַפאַלן געוואָרן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן גאַסן־קאַמפן, וואָס האָבן געדויערט דריי טעג. פון יערושאָלאַים האָבן זיך די קאַמפן פאַרשפּרייט אין אַנדערע שטעט און אין די קאָלאָניעס. אין כעווראָן און אין צפאַס האָבן די קאַמפן אָנגענומען אַ באַזונדערס בלוטיקן כאַראַקטער. אַ גאַנצע וואָך, ביזן 30־טן, זיינען די בלוטיקע קאַמפן פאָרגעקומען. דער רעזולטאַט איז, לויט די אָפיציעלע ידיעות, געווען: 105 געהאַרגעטע יידן און 85 געהאַרגעטע מוסולמענער. אין עמעסן האָט אָבער די צאָל דערהאַרגעטע יידן דערגרייכט ביז 127, און די צאָל דערהאַרגעטע אַראַבער איז געווען נאָך מער, שוין נישט רעכענענדיק די גרויסע צאָלן בעדואינער, וואָס זיינען אומגעקומען פון די באָמבעס פון די ענגלישע אַעראָפּלאַנען, אַף די פעלדער און טאָלן פון פאַלעסטינע.

אָנשטאָט אַ פּאָגראָם — אַן אופשטאַנד

די אַלע עלעמענטן, וואָס זיינען געווען פאַרינטערעסירט אין אַ פּאָגראָם אין פאַלעסטינע, האָבן באַלד דערזען זייער טאָעס.

עס איז אָן צווייפל, אַז מיט די געשעענישן אין פאַלעסטינע, ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, האָבן זיך באַנוצט פינצטערע עלעמענטן, פּאָגראָם־עלעמענטן, קעדיי אַ „הוליע" צו טאָן. עס איז אויך קיין סאָפעק ניט, אַז אין די געשעענישן זיינען אומגעקומען אומשולדיקע, פאַרפירטע און פאַרנאַרטע, ווען דער ציוניסטישער אַוואַנטיוריזם האָט אַריבערגעוואָרפן קיין פאַלעסטינע און געמאַכט זיי פאַר אַ צילברעט פון האַס און צאָרן. אָבער דער גרונט־שטריך פון די געשעענישן איז, אַז די ציוניסטישע פאַשיסטן זיינען אַטאַקירט געוואָרן ניט אַלס יידן, נאָר אַלס מעשאָרסים, וואָס טוען די אַרבעט פון ענגלישן אימפּעריאַליזם. דאָס האָט מען געקענט זען דערפון, וואָס גלייכצייטיק מיט די אַטאַקעס פון די אַראַבישע מאַסן אַף די ציוניסטישע פאַשיסטן, האָבן זיך אויך אָנגעהויבן אַטאַקעס אַף ענגלישע סאָלדאַטן און געביידעס. פון דער אַנדערער זייט, האָט די ענגלישע מאַכט, ווען זי האָט געזען, אַז די באַוועגונג איז אַריבערגעוואַקסן אירע פּלענער,

געגומען באַוואָפּענען די ציִעניסטישע פּאַשיסטן, און יענע האָבן דאָס ענגלישע געווער טאַקע באַנוצט מיט דער פולער מאָס.

דאָס מיליטער, וואָס מאַקדאָנאַלד האָט אריבערגעוואָרפן פון עגיפּטן, די מארינעס, וואָס זיינען אָנגעקומען מיט די ענגלישע קריגס־שיפן פון מאַלטא, האָבן פון די אראבער געקראָגן אַ „הייסן" באַרוכאַבע. קאַמפן צווישן מיליטער און אַראַבער זיינען פאָרגעקומען אין דערפער און שטעט, ווו קיין יידן זיינען גאָרניט פאַראַן. נאָך ערגער: דער אופשטאַנד האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין טראַנסיאָרדאַניע און אויך אין דעם פראַנצויזישן געביט, אין סיריע. עס איז קלאָר געוואָרן פאַר אַלעמען, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַן אופשטאַנד. די געפאַר איז געוואָרן גרויס, מען האָט געדאַרפט האַנדלען שנעל. און מאַקדאָנאַלדס רעגירונג האָט זיך גענומען צו די מיטלען, וואָס זי ווענדעט אָן שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן — דערטרינקען דעם אופשטאַנד אין בלוט.

אין אַ געוויסער מאָס האָט זיך ענגלאַנד די שפּיל איינגעגעבן. זי האָט אַריבערגעוואָרפן קיין פּאַלעסטינע מער מיליטערישע קויכעס. איר האָט זיך איינגעגעבן אַריינצוטראָגן אַ צעטומלעניש אין פּאַלעסטינע, דעמאָראַליזירן די אַראַבישע באַוועגונג דורך פּאָגראָם־אַגיטאַציע, אָפּשלאָגן באַ דער ניי־געשאַפענער „איידזשענסי" יעדן אַפּעטיט צו קומען מיט פאָדערונגען, באַפעסטיקן די הערשאַפט פון ענגלאַנד אין פּאַלעסטינע אַף נאָך אַ לאַנגע צייט, אונטערן אויסרייד, אַז די לאַגע איז נישט זיכער. אָבער דער אופשטאַנד, האַגאַם ער איז שנעל דערשטיקט געוואָרן, האָט ער אָבער געהאַט אַ צו ברייטן אָפּקלאַנג, דער אופשטאַנד קען דינען — און וועט דינען! — ווי אַ מין רעפּעטיציע פאַר אַ גרויסער באַוועגונג צווישן די אַראַבער צו באַפרייען זיך פון ענגלישן אימפּעריאַליזם.

נאָר בלוטיקע שאָוויניסטן קענען, צוליב דעם, ווייל דאָ האַנדלט זיך אויך וועגן יידישע געליטענע, פאַרזעען דעם פאַקט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אונטערדריקטע מאַסן, וואָס קעמפן פאַר זייער באַפרייונג. אין יעדן לאַנד, ווו אונטערדריקטע מאַסן הויבן זיך אויף קעגן זייערע אונטערדריקער, מוז דער צאָרן פאַלן אַף די, וואָס האָבן די אונטערדריקער געהאָלפן, אַף די, וואָס האָבן

זיך מיט דער הילף פון די אונטערדריקער געהאַלטן. דאָס, וואָס אין דעם פאַלעסטינער פאַל זיינען די מעשארסים און מיטהעלפער פון די אונטערדריקער — ציוניסטן אָדער סטאַם פארפירטע יידן, ענדערט עס ניט די לאגע. וויכטיק איז צו געדענקען, וואס פאַר א ראָל די ציוניסטן שפילן אין פאַלעסטינע, וואס זיי טוען דאָרטן, וואס פאר אַ באָדן זיי האָבן צוגעגרייט פאר די געשעענישן. דעמאָלט וועט קלאָר ווערן ווער עס זיינען צוזאַמען מיטן ענגלישן אימפעריאליזם געווען די עמעסע שולדיקע.

די שאָוויניסטישע כוואַליע

דאָס האָבן אָבער די יידישע שאָוויניסטן פון אַלע קאָלירן ניט געוואָלט נעמען אין אכט. פון די גאַלעווקעס אין וואַרשע ביז איסט בראָדוועי אין ניו־יאָרק, האָבן זיי אופגעהויבן א פינצטערע העצע. דער גאַנצער מיטלאַלטער האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגעלייגט אף דער יידישער גאַס אין פוילן און אמעריקע. מען האָט געזאָגט טילים, געפאַסט טאַנייסים, געשריבן אַרטיקלען, געמאַכט דעמאָנסטראַציעס. מען האָט געשריען „פאָגראָם", אויסגעטראַכט די ווילדסטע ליגנס וועגן קלוימערשטע אַכזאָריעסן, פאַרשוויגן די מייַסים פון די ציעניסטישע פאַשיסטן, און פאָרגעשטעלט די באַוועגונג פון א פאָלק זיך צו באַפרייען, ווי די באַוועגונג פון א כאָפּטע רויבער און מערדער.

די ציעניסטישע פאַשיסטן, וועלכע זיינען מיט געווער אין די הענט געקומען צו הילף דער ענגלישער מאַכט, קעדיי צו אונטערדריקן די אַראַבישע באַוועגונג אין בלוט, זיינען באַגאַנגען א ריי ווילדע מייַסים. אף דער הויפּט־גאַס פון יערושאָלאַיִם, אף יאַפער גאַס, האָבן די פאַשיסטן דערמאָרדעט צוויי אַלטע אַראַבישע וועכטער. אין טעל־אָוויוו האָבן די פאַשיסטן אויסגעשאָכטן אַ גאַנצע אַראַבישע מישפּאָכע. ניט געשאַנעוועט אויך די קליינע קינדער (קאָרעספּאָנדענץ פון פּאַלעסטינע אין דער ניו־יאָרקער „פרייהייט", דעם 23־טן סעפּטעמבער). דער שאָוויניזם, וועלכער האָט זיך פאַנאַנדערגעיושעט אף דער יידישער גאַס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, האָט ניט געוואָלט וויסן — סיי וועגן דער שולד פון ציעניזם ביכלאַל און סיי וועגן די בלוטיקע מייַסים פון די ציעניסטישע פאַשיסטן גופע. מע האָט אופגעהויבן איין

גרויסן געשריי קעגן די אראַבער און קעגן די, וואָס האָבן אָנגעוויזן אַף די ציִעניסטישע אוואַנטיורעס.

אין דעם ווילדן קאראהאָד האָבן צוזאמען מיט די ציִעניסטן געטאנצט אלערליי פּען־פּראָסטיטוטן פון דער באַלעבאַטישער און געל־„סאָציאַליסטישער” פּרעסע. די ש. ניגערס, די מוקדוינעס, אלערליי אומווירדיקע ברואים, וועמען די ליידן פון ארבעטער־קלאַס קענען ניט רירן, וועלכע פארגיסן ניט א טראָפּן טינט, ווען ארבעטער־בלוט גיסט זיך, אין פּוילן, צי אין אמעריקע — מעג עס זיין אפילע בלוט פון יידישע אַרבעטער, — אָט די אלע, וועמען עס גייט אוואַדע און אוואַדע ניט אָן דאָס בלוט פון פעלקער, וואָס קעמפן קעגן דעם אימפּעריאַליזם פון אַזעלכע „ציוויליזירטע” מעלוכעס, ווי ענגלאַנד, פראַנקרייך, אמעריקע און אַנדערע, האָבן זיך צעיושעט וועגן פּאַלעסטינע. און די אַלע, וואָס האָבן שטענדיק געזוכט די געלעגנהייט צו אָנפאַלן אַף דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, אַפן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָבן זיך איצט אָנגעכאַפּט אָן דער געלעגנהייט, אין נאָמען פון קאַמף קעגן פּאָגראָמען, צו אָרגאַניזירן אַ פּאָגראָם־כוואַליע קעגן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

אַלערליי פארעטער פון אַרבעטער־קלאַס, רעכטע פּראָפּירער, געלע לייט פון „סאָציאַליסטישן” לאַגער, פאָרשטייער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, האָבן זיך באַנוצט מיט דער שאָוויניסטישער כוואַליע, קעדיי צו שלאָגן פאַר זיך קאַפּיטאַל און קעדיי צו באַקעמפן די רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער, כאָרעוו מאַכן זייערע אינסטיטוציעס.

אין אַמעריקע האָט דאָסדאָזיקע פארייניקטע קאָל יסו״אָעל, אין די טעג פון דער שאָוויניסטישער כוואַליע, געשאַפן אַן אַטמאָספערע פון טעראָר קעגן קאָמוניסטן און אַלע רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער. די זאַטע און אָפּגעפרעסענע, וואָס האָבן געהאַט פאַריבל אַף די אונטערדריקטע אראַבער, וואָס ווערן אויסגעזויגן פון אַ אימפּעריאַליסטישער מאַכט, וואָס ווערן דורך דער ציִעניסטישער אוואַנטיורע באַרויבט פון ערד און פון אַרבעט און פון די עלעמענטאַרסטע פּאָליטישע רעכט, — אָט די זאַטע און אָפּגעפרעסענע, וועלכע האָבן נאָר געשריען „אראַבישע פּאָגראָמשטשיקעס”, האָבן געמאַכט פּאָגראָמען אַף ארבעטער־

יטינגען אין ניו־יאָרק און אַנדערע שטעט, כאָרעוו געמאַכט די ביר־
אָען פון דער אמעריקאַנער קאָמוניסטישער ציי‌טונג „פרייהייט"
שיקאגאָ, לאָס אנדזשעלעס א. א.), געשלאָגן ארבעטער, באַ וועלכע
ען האָט געטראָפן אַ קאָמוניסטישע ציי‌טונג, אויסגענוצט די געשעע־
ישן ניט אף ציען די געהעריקע שלוסן וועגן דער „ארבעט" פון
אַקדאָנאַלדס רעגירונג אין פאַלעסטינע, סיי פאר די געשעענישן און סיי
אָכדעם ווי זיי האָבן אויסגעבראָכן (אָ, דאָס האָבן די לייט פון צווייטן אינ־
זערנאַציאָנאַל ניט געוואָלט!), נאָר קעדיי צו שלאָגן קאַפּיטאַל פאר זיך.

די רייזען-געשיכטע

אַ בעקאָוועדיקן אָרט אין דער שענדלעכער שאָוויניסטישער אר־
בעט האָט פארנומען פילסודסקיס מאָשקע, שאָלעם אש. ער, וועלכער
האָט גערעדט אין ציריך אין נאָמען פון דער אָרעמקייט אין פוילן,
האַגאַם קיינער האָט אים ניט באַפולמעכטיקט דערצו, האָט אָנגעהויבן
ריידן אין נאָמען פון די יידישע אַרבעטער פון אמעריקע, און האָט
נעלויבט די ציעניעטישע פאשיסטן פאַר זייער בלוטיקער אַרבעט באם
אונטערדריקן דעם אראַבישן אופשטאַנד. אָבער אין לאַגער פון די
שאוויניסטן האָבן זיך אויך געפונען די יידישע שרייבער רייזען, לייַ־
וויק, מענאַכעם און ראַבאַי, וועלכע זיינען ארויסגעטראָטן פון דער
רעדאַקציע „פרייהייט" פאר איר קלאסן־שטעלונג בענעגייע די פאַ־
לעסטינער געשעענישן. שרייבער, וועמען די יידישע ארבעטער אין
אמעריקע, אין ראַטנפארבאַנד און אנדערע לענדער האָבן געשענקט
צוטרוי, געטראָגן אף די הענט, שרייבער, וועלכע האָבן קעסיידער
אויסגעדריקט זייערע „סימפּאַטיעס" צו דער קאָמוניסטישער באוועגונג
און דערקלערט זיך פאר „פריינט" פון ראַטנפארבאַנד, האָבן אין
אַ מאָמענט פון ניסאָיען ניט אויסגעהאַלטן. מיט פארשיידענע אויס־
ריידן, אָנווייזנדיק מיט אַ ווונק אף דער שולד פון דער ענגלישער
רעגירונג, האָבן אָבער די דערמאָנטע יידישע שרייבער געטאָן דאָס
אייגענע, וואָס אַלע שאָוויניסטן, געגעבן די שאָוויניסטישע פּאָגראָמ־
שטשיקעס געווער אין די הענט צו קעמפן קעגן די רעוואָליוציאָנערע
אַרבעטער.

די רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער האָבן זיך ניט פארלאָרן. אין פוילן האָבן די יידישע ארבעטער רעאַגירט אַף די העצעס פון די שאָוויניסטן פון אַלע קאָלירן. אין אמעריקע האָבן די יידישע ארבעטער אָפּגעענטפערט מיט א מעכטיקער כוואַליע מיטינגען — אין ניו־יאָרק, באָסטאָן, שיקאגאָ, פילאדעלפיע, און אנדערע שטעט, אַף וועלכע עס איז געשטיצט געוואָרן די ליניע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די יידישע אַרבעטער האָבן געזאַמלט א גרויסן פאָנד פאַר דער „פרייהייט", קעדיי ניט צו לאָזן זי אונטערגיין. מישפּאָטים זיינען געמאַכט געוואָרן איבער דער פארעטערישער האַנדלונג פון רייזען און זיינע קאָלעגן.

די ארבעטער פון ראַטנפאַרבאַנד האָבן אפן שארפסטן שטייגער פארורטיילט די האַנדלונג פון אָט־די שרייבער, וועלכע האָבן זיך זיי ערשט ניט לאנג צוריק דערקלערט אין ליבע. די יידישע סאָוועטישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד, צוזאַמען מיט די רעוואָליוציאָנערע יידישע אַרבעטער, האָבן דערקלערט, אַז זיי שליסן אויס רייזינען און זיינע קאָלעגן פון זייערע רייען (רעזאָליוציעס פון די פאַרזאַמלונגען פון די סאָוועטישע יידישע שרייבער אין כארקאָוו, מאָסקווע, אָדעס א. א.). די יידישע פראָלעטאַרישע שרייבער אין ניו־יאָרק האָבן געגרינדעט אַן אייגענעם פאַריין, נאָכדעם, ווי דער פאריין פון די פען־פראָסטיטוטן פון דער געל־שווארצער פרעסע האָט אָנגעטאָן די שרייבער פון דער „פרייהייט" דעם קאָוועד און זיי „אויסגעשלאָסן", — האַגאַם זיי, די „פרייהייט"־שרייבער האָבן קיינמאָל קיין גרויסע מאַגע־מאַסע מיט דעם פאריין ניט געהאַט.

די רייזענס זיינען געקומען צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און צום ראַטנפאַרבאַנד, ניט ווייל זיי האָבן באַגריפן דעם קאָמוניזם, אָדער די ראטן־בויונג, נאָר ווייל זיי זיינען קעסיידער אַרויסגעגאַנגען פון שטאַנדפונקט פון יידישיזם, פון די אינטערעסן — אַזוי צו זאָגן — פון דער יידישער ליטעראַטור. דער יידישער פאַרלאַג־וועזן און ביכער־מאַרק אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז טויט. דער יידישער שול־וועזן איז אויסערגעווייטלעך שוואַך (אַמעריקע), אָדער גייט אינגאַנצן אונטער (פוילן). די יידישע בורזשואזיע און די געלע „סאָציאַליסטן"

קימערן זיך וויניק וועגן יידישער קולטור, אָט דערפאַר זיינען די דערמאָנטע שרייבער געקומען צו דער קאָמוניסטישער פרעסע אין אמעריקע, וועלכע פאַרייניקט אַרום זיך א ריי פראָלעטאַריש־קולטורעלע אינסטיטוציעס (קלובן, כאָרן, קינדער־שולן טעאַטער־סטודיע א. א.) און צום ראַטנפאַרבאַנד, ווו דער יידישער שול־וועזן בליט און וואַקסט און ווו די יידישע ביכער ווערן ארויסגעגעבן און געלייענט. אָבער דער יידישיזם און די „אינטערעסן" פון דער יידישער ליטעראַטור זיינען לאַכלוטן ניט געווען גענוג, קעדיי די שרייבער זאָלן באַגרייפן דעם קאַמף פון די רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער, זאָלן באַקומען אַ רעוואָליוציאָנערן צוגאַנג צו געשעענישן. אין דער האַנדלונג פון רייזען און אַנדערע האָט מען דערזעען דעם באַנקראָט פון יידישיזם „אָן־און־פיר־זיך", וועלכע איז אין טאָך אַ בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג. באַם ערשטן ניסאָיען זיינען די יידישיסטן אַריבער אין לאַגער פון שאָוויניזם. אין דעם פראַט האָט די שאָוויניסטישע כוואַליע, וואָס האָט זיך אופגעהויבן נאָך די געשעענישן אין פאַלעסטינע געדינט ווי אַ פרוביר־שטיין. די אַרבעטער האָבן דערקענט ווער עס איז בעעמעס מיט זיי און ווער עס איז, אין טאָך גענומען, אַ טייל פון „קאָל יסראָעל".

די קאָמוניסטישע באַוועגונג און די געשעענישן אין פּאַלעסטינע

אין מעשעך פון די צען יאָר זינט עס עקסיסטירט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, האָט די בורזשואַזיע און די פּאַרעטער, וועלכע דינען איר, ניט איין שענדלעכן ליגן פאַרשפּרייט וועגן דעם שטאַב פון דער וועלט־רעוואָליוציע און וועגן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג ביכלאַל. אָבער זעלטן ווען האָבן די ליגנס און בילבולים אָנגענומען אַ מער שענדלעכן כאַראַקטער, ווי בעיס דער העצע קעגן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, באַלד נאָך די געשעענישן אין פּאַלעסטינע. פון איין זייט האָבן די יידישע שאָוויניסטן געשריען „קאָמוניסטישע אַראַבער" און שיר ניט באַשולדיקט די קאָמוניסטן אין פּאָגראָמען (און דערווײַלע האָבן די שאָוויניסטן אַליין געמאַכט פּאָגראָמען...), און פון דער אַנדערער זייט האָבן אויך די אַראַבישע פּריצים, ווען זיי האָבן געזען, אַז די געשעענישן נעמען אָן אַ כאַראַקטער פון אַן אופשטאַנד, באַשולדיקט די קאָמוניסטן אין די געשעענישן אין פּאַלעסטינע.

אין איין פּראַט זיינען די אַראַבישע פּריצים און בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן גערעכט. די קאָמוניסטן רופן טאַקע די האָרעפּאַשנע מאַסן צו אַן אופשטאַנד קעגן יאָך פון ענגלישן אימפּעריאַליזם, און צוזאַמען דערמיט אַראָפּוואַרפן דעם יאָך פון דער גאַנצער בורזשואַזיע. אָבער בעיס די בורזשואַזיע, סיי די אַראַבישע און סיי די יידישע פאַרשפּרייט ראַסן־האַס און ראַסן־סינע, רופן די קאָמוניסטן צו פאַרייניקונג צווישן אַראַבישע און יידישע האָרעפּאַשני־

קעס, די קאָמוניסטן רופן צו קלאַסן־קאמף אנשטאָט ראסן־קאַמף.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּאַלעסטינע ווערט די גאַנצע צייט ביטער פּאַרפאָלגט פון דער ענגלישער מאַכט און פון די ציאָניסטישע מעשאָרסים אירע. קעגן קאָמוניסטן ווערן אָנגעווענדט באַרבאַרישע, מיטלאַלטערלעכע שטראָפן. אַרבעטער ווערן אַרויסגעשיקט פון לאַנד צוליב דעם מינדסטן פאַרדאַכט אין קאָמוניזם. די ווילדע סינע צו די קאָמוניסטן נעמט זיך דערפון, וואָס אַ פאַרברידערונג צווישן די הארעפּאַשניקעס פון אַלע פעלקער אין פּאַלעסטינע גראָבט אונטער דעם באָדן פון דער ענגלישער הערשאַפט און איז אַ טויט־קלאַפּ פאַר דער גאַנצער ציאָניסטישער אַוואַנטיורע.

די קאָמוניסטן אַגיטירן דערפאַר, אַז די יידישע און אראבישע אַרבעטער זאָלן גיין האַנט אין האַנט קעגן זייערע עקספּלואַטאַטערס. די קאָמוניסטן קעמפן דערפאַר, אַז אראבישע אַרבעטער זאָלן אַריינגענומען ווערן אין די פּראָפאַריינען, מיט די זעלביקע רעכט וואָס יידישע אַרבעטער. די קאָמוניסטן רופן אַרויס שטרייקן פון אַראַבישע און יידישע אַרבעטער. די קאָמוניסטן האָבן צום ערשטן אַווגוסט. צום אינטערנאַציאָנאַלן טאָג פון קאָמינטערן, אַרויסגעפירט אַף די גאַסן פון יאפע, ירושלים און טעל־אוויוו דעמאָנסטראַציעס פון יידישע און אראבישע אַרבעטער. אָבער אזא פאַרברידערונג צווישן יידישע און אראבישע אַרבעטער איז דאָך אַ טויט־קלאַפּ דעם לאָזונג „קיבעש האַוווידא“, „איינגעמען די אַרבעט“.

די קאָמוניסטן קעמפן קעגן דער ציאָניסטישער אַוואַנטיורע און ווייזן אָן, אז דער ציאָניזם אין פּאַלעסטינע איז דער פּאָרפּאָסטן פון ענגלישן אימפּעריאַליזם, און אַז אלס אזעלכער ווערט ער, דער ציאָניזם, באַטראַכט פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג. די קאָמוניסטן האָבן געוואָרנט קעגן דעם, צו וואָס דאָס אַראָפּטרייבן אַראבישע פּויערים פון זייערע איינגעזעסענע ערטער און דער לאָזונג „איינעמען די אַרבעט“ קאָנען ברענגען!

די שולד פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל

דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט דורך זיינע פירער קעסיידער געשטיצט די ציִעניסטישע אַוואַנטיורע, דערמוטיקט דאָס אַריינדרינגען פון די ציִעניסטן אין אַ באַזעצטן געביט, צווישן מיליאָנען אַראַבער. די פּועלי־ציון אין פּאַלעסטינע, וועלכע פירן דורך דעם לאָזונג פון „איינעמען די אַרבעט", זיינען אַ טייל פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. וואַנדערוועלדע איז דער פּאָרזיצער פון דער „פּראָ־פּאַלעסטינע קאָמיסיע", וואָס דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט אָרגאַניזירט. לעאָן בלום פאַראייניקט זיך מיט ווייצמאַנען און מיט די אַמעריקאַנישע באַנקירן, קעדיי צו ראַטעווען די ציִעניסטישע באַנקראָטירטע פירמע. און מאַקדאָנאַלד „אַליין" שרייבט בריוו צום ציִעניסטישן קאָנגרעס, צוזאַמען מיט באַלפור, לאָיד דזשאָרדזש און אַנדערע זיילן פון ענגלישן אימפּעריאַליזם.

אָפּגערעדט דערפון, וואָס די רעגירונג פון דעם „סאָציאַליסט" מאַקדאָנאַלד טראָגט אַ דירעקטע שולד אין דער בלוט־באָד אין פּאַלעסטינע. אין לאָנדאָן האָט מען געוווּסט אַז אין פּאַלעסטינע גרייט מען אַ פּאָגראָם, מען האָט דאָך דער „אַרבעטער" רעגירונג געוואָרנט מיט צוויי וואָכן פריער פאַר די געשעענישן, אַז די ענגלישע מאַכט אין פּאַלעסטינע באַוואָפנט געוויסע עלעמענטן און אַז עס גרייטן זיך אומרוען צום סאָף אַווגוסט (די באַריכטן אין די בערלינער צייטונגען צום סאָף אַווגוסט. אין דער „פאָסישער צייטונג" פון 27־טן אווגוסט דערציילט דער לאָנדאָנער קאָרעספּאָנדענט פון דער צייטונג, דר. וו. ה. עדוואַרדס, אַז אַלע אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן אין לאָנדאָן האָבן געוווּסט, אַז אין פּאַלעסטינע גרייטן זיך געשעענישן). אָבער די קלוימערשטע אַרבעטער־רעגירונג אין לאָנדאָן, וועלכע זעצט פאָר אויף דער גאַנצער ליניע די פּאָליטיק פון באָלדווין און טשעמבערלען — באַזונדערס אויפן געביט פון קאָלאָניאַל־פּאָליטיק — האָט געדאַרפט האָבן די „געשעענישן" אין פּאַלעסטינע. דערפאַר איז דער גובערנאַטאָר פון ירושאַלאַים ניט באַזייטיקט געוואָרן, ניט געקוקט אויף אַלע שטאַדלאָנעסן

פון די ציעניסטן, און דערפאר זיינען קיין מיטלען ניט אָנגענומען געוואָרן, ניט געקוקט אַף אַלע ווארענונגען.

דער גאַנצער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז טריי זיין ליניע פון קאָלאָניאַלער אונטערדריקונג — אין אינדיע, אין כינע, אין מאַראָקאָ, אין קאָנגאָ און אזוי ווייטער. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל אָריענטירט זיך אַף די הויך־אַנטוויקלטע קאפּיטאַליסטישע לענדער אין אייראָפּע און אמעריקע, קעגן די אינטערעסן פון די מאַסן אין די קאָלאָניעס. אָט דערפאַר שטיצן די פירער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל די אַוואַנטיורע פון די ציעניסטן אין פּאַלעסטינע און די לאָזונגען פון זייערע אַגענטן, די פּויאַלע־ציען. און אַף די אַלע, וואָס גייען האַנט באַ האַנט מיט דער בורזשואַזיע באַ זיך אין דערהיים — די וואַנדערוועלדעס אין בעלגיע, די בלּיומס אין פראַנקרייך, די מאַקדאָנאַלדס אין ענגלאַנד, און אזוי ווייטער — דאַרף מען זיך ניט וואונדערן, ווען זיי פאַראייניקן זיך מיט דער אַלוועלטלעכער יידישער בורזשואַזיע צוגינסטן דער ציעניסטישער אַוואַנטיורע, ווי דאָס טוען בלום, וואַנדערוועלדע און אַנדערע פירער פון צווייטן אינטערנאציאָנאַל, און די געלע פראָפסטוער אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער.

באַ דער צעבראָכענער קאָרעטע...

קיין שאָוויניסטישע כוואַליע, ווי שטאַרק זי זאָל ניט זיין, קיינ דערקלערונגען פֿון די ציעניסטן און פֿון די ענגלישע אימפּעריאַליסט וועלן ניט ענדערן די לאַגע אין פּאַלעסטינע, וועלן ניט לייזן ז פּראָבלעמען פֿון לאַנד און באַפעלקערונג, וועלכע ווערן דורכן ציעניז נאָך מער פֿאַרשאַרפט.

די שאָוויניסטישע כוואַליע האָט זייער שנעל געמוזט אָנהויבן גיי אָף צוריק. די ווירקלעכקייט פֿון פּאַלעסטינע רייסט צו שטאַרק די אויג

פּופציק יאָר האָבן ציעניסטן און „כיוועוויי ציען" געבויט א זאַמד, געבויט אָף אַ ווולקאַן, געבויט אָף סינע און ראַסן-האַס. ד רעזולטאַטן, ווי מיר האָבן געזעען פֿון דער לאַגע ערעוו דעם זעכצנט ציעניסטישן קאָנגרעס, זיינען געווען זייער נעבעכדיקע. די ציעניסטיש באַוועגונג איז געקומען צום קאָנגרעס אַ פּולשטענדיק באַנקראָטירטע מען האָט געזוכט הילף פֿון אונטערגאַנג באַ די פּילאַנטראָפּישע יאהו דים-אַסימיליאַטאָרן. איז געקומען דער שטורעם, וואָס די ציעניסט און די ענגלישע אימפּעריאַליסטן האָבן געזייט אין מעשעך פֿון יאָרן און האָט אָפּגעווישט אַ היפּשן טייל פֿון דעם, וואָס די ציעניסט האָבן, מיט אַזעלכע ריזיקע סומעס גאָלד, געשאַפֿן. יעדער איינער, וואָ איז פֿון די ציעניסטן אַריבערגעוואָרפֿן געוואָרן קיין פּאַלעסטינע, האָ דערזעען דער ווולקאַן אונטער זיינע פֿיס.

די ציעניסטן האָבן צום אָנהויב פֿון די געשעענישן באַשולדיקו די ענגלישע רעגירונג, געמאַכט דעמאָנסטראַציעס פֿאַר די געביידע פֿון די ענגלישע קאָנסולאַטן (ניו-יאָרק, און אנדערע ערטער).

די דירעקטע שולד פֿון דער ענגלישער רעגירונג אין די בלוטיקע גע שעענישן האָט זיך צו שטאַרק אָנגעזעען. באַלד אָבער האָבן די ציע

ניסטן געביטן זייער שטעלונג. די לייט, וועלכע העצן קעגן דער ראַטן־מאַכט, האָבן זייער שנעל שאָלעם געמאַכט מיט דער רעגירונג, וועלכע האָט שוין דעם דריטן מאָל דערפירט צו בלוטיקע געשעענישן אין פּאַלעסטינע.

די ציעניסטן טייַנען דאָס אייגענע, וואָס די יידישע רעאַקציאָנערן אין צאַרישן רוסלאַנד פלעגן טייַנען: דער צאַר איז ניט שולדיק, שולדיק איז די אָרטיקע מאַכט. אזוי זאָגן איצט די ציעניסטן, אז שולדיק איז ניט לאָנדאָן, נאָר די אָרטיקע ענגלישע מאַכט אין פּאַלעסטינע (צי לאָנדאָן וועט די אָרטיקע מאַכט באַזייטיקן, איז שוין אַ אַנדער פראַגע. דער ענגלישער גובערנאַטאָר פון יערושאָלאים, וועלכער איז שולדיק געווען אין די „עקסצעסן" באַם „קויסל", אין 1928, איז דאָך אויך ניט באַזייטיקט געוואָרן...). און עס פאַרשטייט זיך, אַז אין לאָנדאָן זיינען די רייד פון די ציעניסטישע מאָשקעס שטאַרק געפעלן געוואָרן.

מאַקדאָנאַלד האָט (אין זשענעווע) ווידער געשוואָרן טרייהייט דער באַלפור־דעקלאַראַציע און איז פּלוצלינג געוואָרן שטאַרק אופגעבראַכט פון די „ווילדע אויסברוכן" פון די אַראַבער. וואָס גייט עס אָן דעם פירער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס די אַראַבער פאָדערן, אַז מען זאָל זיי לאָזן צורו? און וואָס גייט עס אים אָן, וואָס גראַד די ענגלישע אַדמיניסטראַציע אין פּאַלעסטינע האָט אויסגעזוכט „ווילדע עלעמענטן" און באַוואָפנט זיי פאַר אַ פּאָגראָם? מאַקדאָנאַלד, וועלכער האָט נאָך פון 1924 אַ דערפאַרונג אין וואַרפן באָמבעס איבער די אַראַבער אין מעסאָפּאָטאַמיע, האָט שוין געוווסט, וואָס מען דאַרף טאָן מיטן אַראַבישן אופשטאַנד אין פּאַלעסטינע, וועלכער האָט זיך אַנטוויקלט קעגן דעם ווילן פון ענגלישן אימפּעריאַליזם.

אף ענגלישע באַיאָנעטן קען מען ניט בויען קיין „היים"

דער ענגלישער אימפּעריאַליסט־פאַשיסט, טשערטשיל, האָטגע עפנט די קאָרטן, וואָס די מאַקדאָנאַלדס און די ציעניסטן פּרובירן האַלטן פאַרבאָרגן. אין אַ טעלעגראַמע פון סאַן־פראַנציסקאָ, ווו ער האָט

זיך געפינען אף אַ וויזיט, לאָזט דער געוועזענער פינאַנץ־מיניסטער פון באָלדווינס קאַבינעט (און דער העלד, וואָס האָט דערשטיקט דעם ענגלישן גענעראַל־שטרייק אין 1926), טשערטשיל, וויסן, אַז די פאָדערונג פון מאָמענט איז — אַן ענגלישע זשאַנדאַרמעריע אין פאַלעסטינע.

„באַ מיר איז קיין ספק ניט — שרייבט טשערטשיל — אַז די דעקלאַראַציע, די בריטישע גאַרניזאָנען וועלן עוואַקוירן עגיפּטן, ווו זיי האָבן נאָענט פון פופציק יאָר אופגעהאַלטן פרידן און פּראָגרעס, און די אופפאַלנדיקע טאַדלונג און די אַראָפּזעצונג פון אַ קאָמפּעטענטן און אומדערשראָקענעם פּאַרוואַלטער, ווי לאָרד לאָיד, איז אופגענומען געוואָרן ווי א סיגנאַל דורך די אומצופרידענע פּאַרטייען צווישן די אַראַבער, אַז די שעה צום אָנגריף איז געקומען. *דאָס, וואָס איז געשען אין פּאַלעסטינע איז בלויז אַ בלוטיקער פאַרגעשמאַק פון דעם, וואָס עס וועט אָן ספק פּאַסירן אין אַ ווייט ברייטערער פאָרם אין דעם טאָל פון טייך ניל און וואָס וואָלט פּאַסירט אין אַ קאָלאָסאַלער מאָס פון איין עק אינדיען ביזן אַנדערן, קוים וואָלט דער מיטפאַרשטאַנד פירנדיקער און באַרויקנדיקער איינפלוס פון דער בריטישער אימפּעריאַלער קראַפט געוואָרן דערווייטערט*" (אונטערגעשטראָכן פון מיר. פּ. נ.).

עס לוינט זיך קוים צו באַווייזן אין וואָס עס האָט זיך אויסגעדריקט דער „פרידן און פּראָגרעס", וואָס ענגלאַנד האָט עס אין מעשך פון פופציק יאָר אופגעהאַלטן אין עגיפּטן. עטוואָס פון דער „אַרבעט" פון לאָרד לאָיד, נאָך וועלכן טשערטשיל בענקט אזוי שטאַרק, האָבן מיר איבערגעגעבן אין דעם קאַפּיטל וועגן דער סיטואַציע אפן אַראַבישן האַלב־אינדזל. אָבער טשערטשיל אלס איינער פון די זיילן פון ענגלישן אימפּעריאַליזם, איז אָן ספק גערעכט, ווען ער ווייזט אָן אף דעם איינפלוס, וואָס די געשעענישן האָבן געהאַט אף די אַראַבער אין פּאַלעסטינע, און וואָס פאַר אַן איינפלוס די גע־

שעענישן אין פּאַלעסטינע וועלן האָבן אף די אנדערע אונטערדריקטע פעלקער — אַפן גאַנצן אַראַבישן האלב־אינדזל, אין אינדיע — א. א. וו. און טשערטשיל זאָגט אונדז אויך אין וואָס עס באַשטייט דער „באַרויקנדיקער איינפלוס" פון דער „בריטישער אימפּעריאַלער קראַפט", וועגן וואָס ער רעדט מיט אזעלכע שיינע ווערטער. אָט איז דער אויספיר, וועלכן ער מאַכט פון די געשעענישן אין פּאַ־לעסטינע:

„ס'איז נאָך צו פרי פּאָרויסצוזאָגן וועלכע מיטלען עס מוזן אָנ־גענומען ווערן פאַר אַ גרעסערער זיכערקייט. איך בין אָבער גליק־לעך צו זאָגן קלאָר, אז איך האַלט דאָס אויסהאַלטן אַ וויר־קזאַמע בריטישע זשאַנדאַרמעריע פאַר אַ וועזנטלעכן עלע־מענט פון דער געהעריקער דערפילונג פון אונדזער אופגאַבע" (אונטערגעשטראָכן פון מיר. פּ. נ.).

דער לייטנדיקער גייסט פון ענגלישן פאַשיזם קען ניט פאַרבאַרגן זיין פרייד, וואָס די געשעענישן אין פאַלעסטינע וועלן געבן ענגלאַנד אַ מעגלעכקייט צו פאַרשטאַרקן זיך אין פאַלעסטינע — דורך אַ „וויר־קזאַמע" זשאַנדאַרמעריע. קלאָר איז אָבער, אַז דאָס איז דער איינצי־קער אויסוועג. און קלאָר איז אויך, אז די אַוואַנטיוריסטן, וואס וועלן נאָך ווייטער טראַכטן וועגן א „יידישער היים", וועלן זיך נאָך ענגער מוזן פאַרבינדן מיטן ענגלישן אימפעריאַליזם, וועלן מוזן „בויען" די „היים" אַף ענגלישע באַיאָנעטן. און ווען די אונ־טערגעדריקטע מאסן וועלן זיך ווידער אופהויבן קעגן ענגלישן אימ־פעריאַליזם — און אופהויבן וועלן זיי זיך, אַזוי זיכער, ווי דער אופגאַנג פון דער זון יעדן פרימאָרגן — און ווען אָט די מאסן וועלן ווידער אויסגיסן זייער צאָרן קעגן די, וואס האָבן זייער גורל פאַרבונדן מיט די באַיאָנעטן, קעגן די, וואָס לאָזן זיך פאַרנאַרן און פאַרפירן פון ציעניסטישן אַוואַנטיוריזם, וועלן די לעצטע נאָר זיך אליין דאַרפן באַשולדיקן אין דעם, וואס עס וועט מיט זיי פּאַסירן. זאָלן די איצטיקע געשעענישן זיי דינען ווי אַן האסראָע.

נאר די מאכט פון ארבעטער און פויערים קען אָפּשאַפן בלוט־פארגיסונגען

„אונטער דער גלאַטער אויבערפלאך פון דער ענגלישער הערשאַפט און די דינע גאַרניזאָנען, וועלכע האלטן זי אין אַ נאָרמאלער לאַגע — זאָגט דאָרט טשערטשיל אין דערזעלביקער טעלעגראמע — רויכערן זיך אַנטאגאָניזמען פון יאָרהונדערטער"... „אַ שיין פון מאנגל, פון ווילן, אָדער פון קראַפט מיצאַד דער ענגלישער רעגירונג, אָדער פון מאנגל פון צוטרוי צו איר מיסיע אין דידאָזיקע לענדער, בלאָזט פאנאנדער, ווי אַ צוגווינט דעם דרימלדיקן ווילד־גליענדיקן אש".

אָט אַזוי האָבן אמאליקע יאָרן גערעדט די פאָרשטייער פון דער צאַרישער קליקע אין אלטן רוסלאַנד וועגן די פעלקער אף קאַווקאַז, וועגן די פּאָגראָמען אַף יידן. „אַנטאגאָניזמען פון יאָרהונדערטער"... דאָס איז דער שטענדיקער אויסרייד פון אונטערדריקער, וועלכע זיינען אַליין די, וואס בלאָזן אוף די „אנטאגאָניזמען", פּראוואָצירן זיי, ארגאַניזירן די בלוט־בעדער. איז געקומען די מאכט פון די ארבעטער און פויערים און האָט אַף אַ זעקסטל פון דער ערד באַוויזן, אַז די געשיכטע וועגן די „אַנטאגאָניזמען" איז אַ בלוטיקער ליגן, וואס די אונטערדריקער האָבן אויסגעטראכט פאַר זייערע צוועקן.

עס איז עמעס, אַז אונטער דער גלאַטיקער אויבערפלאַך פון דער ענגלישער הערשאַפט רויכערט זיך א סינע, דרימלט אַ גליענדיקער אַש. דאָס איז אָבער אַ סינע און אַ גליענדיקער אַש, וואס וועט פאַרניכטן דעם ענגלישן אימפעריאַליזם און אַלע, וואָס דינען אים און באַנוצן זיך מיט אים. דער אופשטאַנד אין פּאַלעסטינע איז געווען די ערשטע כוואַליע פון אַ באַוועגונג, וועלכע וועט ערשט געווינען שוווּנג די קרעפטן, וואס ארבעטן קעגן דעם אימפעריאליזם אין עגיפּטן, אינדיע, כינע און אַנדערע לענדער וועלן אויך האָבן זייער ווירקונג אין פּאַלעסטינע און אפן גאַנצן אַראַבישן האַלב־אינדזל. די סטירעס פון דעם קאַפּיטאַליזם אין דער איצטיקער עפּאָכע וועלן ברענגען זייער פרוכט אין פּאַלעסטינע און וועלן ווידער אופהויבן די מאסן צו נאָך גרעסערע קאַמפן. עס וועט זיין די אופגאַבע פון דער קאָמוניסטישער

פּאַרטיי אין פּאַלעסטינע צוצוגרייטן די מאַסן פֿון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, פֿאַרייניקן די אַראַבישע, ייִדישע און קריסטלעכע אַרבעטער און פּויערים, אַרויסרייסן זיי אַלע פֿון אונטער דער ווירקונג פֿון פּריצים, גייסטלעכע, ציוניסטן, ראַבאָנים, פֿאַשיסטן און אַלערליי בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן, שאָוויניסטן, מעשאָרסים פֿון ענגלישן אימפּעריאַליזם.

פֿאַר דער ייִדישער האָרעפּאַשנער באַפֿעלקערונג פֿון פּאַלעסטינע וועט דורך די איצטיקע געשעענישן מוזן קלאָר ווערן, אַז *דער ציוניזם איז די גרעסטע געפֿאַר אירע.* יעדע שיין פֿון פֿאַרבינדונג מיט די ענגלישע אונטערדריקער, יעדע מין אָנשפּאַרעניש אויף די ענגלישע באַיאָנעטן, מוזן אַרויסרופֿן האַס און צאָרן צווישן די אַראַבישע מאַסן. פּונקט אַזוי איז די רעפֿאָרמיסטיש-נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג צווישן די אַראַבער אַ געפֿאַר פֿאַר די אַראַבישע האָרעפּאַשניקעס. די רעפֿאָרמיסטיש-נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג וועט צו יעדן מאָמענט פֿאַראַטן די אַראַבישע מאַסן צו די ענגלישע אימפּעריאַליסטן. דער לאָזונג פֿון אַ בורזשואַזן פּאַרלאַמענט איז ניט דער לאָזונג פֿון די אַרבעטער און פּויערים. אַזאַ מין פּאַרלאַמענטאַרישע הערשאַפֿט וואָלט ווייטער געווען פֿאַרינטערעסירט אין אָנצינדן די „אַנטאַגאָניזמען" און ראַסן-האַס און בלוט-פֿאַרגיסונגען, כּדי אָפּצווענדן דעם צאָרן פֿון די מאַסן אויף פֿאַלשע וועגן.

די מאַכט פֿון די אַרבעטער און פּויערים אין ראַטנפֿאַרבאַנד, אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט *אָפּגעשאַפֿט* „אַנטאַגאָניזמען", *אָפּגעשאַפֿט* פּאָגראָמען, און האָט פֿולשטענדיק געלייזט די נאַציאָנאַלע פֿראַגע. דאָס מוזן שוין אַפֿילע פֿאַרטרעטער פֿון דער בורזשואַזיע אָנערקענען, אַז נאָר אין ראַטנפֿאַרבאַנד איז די נאַציאָנאַלע פֿראַגע געלייזט געוואָרן. און נאָר אונטער דער הערשאַפֿט פֿון די אַרבעטער און פּויערים וועט די נאַציאָנאַלע פֿראַגע אין פּאַלעסטינע געלייזט ווערן, וועט קומען צו אַ פֿולשטענדיקער פֿאַרברידערונג צווישן די האָרעפּאַשנע מאַסן פֿון אַלע פֿעלקער, און ראַסן-האַס און בלוט-פֿאַרגיסונגען וועלן בלייבן אַ זייכער פֿון דער בלוטיקער פֿאַרגאַנגנהייט, ווען ענגלישע באַיאָנעטן האָבן געשטיצט די מאַכט פֿון די פּריצים און אויפֿגעהאַלטן די ציוניסטישע אַוואַנטיורע.


קארטע
פון פאלעסטינע און
ארומיקע לענדער און
וואסערן.
די גרעניצן פון פאלעסטינע
זיינען ארומגענומען מיט פעטע
ליניעס.
מיטל-לענדישער ים
ביירוט
דאמעסעק
יערושאלאים
עקאבא
פארט-סאיד
אלעקסאנדריע
קאיר
סועץ
באגדאד
באסרא
טראנסיארדאניען
העדזשאס
מעדינע
מעקקא
רויטער ים
פערסיע
פערסישער איינגאס
אראביע
יעמען
אדען
אפגאניסטאן
אינדיע
באמביי
קאלקוטא
אינדישער אקעאן
עגיפטן
30
40
50
60
70
80
10
20